STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00388

# YORN IN VANDER

Avraham Zak

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Rene & Michele Lerer*
*in memory of*
*the Lerer & Zytenfeld families*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבּרהם זאַק

# יאָרן אין וואַנדער

די הכנסה פון דעם בוך איז באַשטימט פאַר דער
קולטור־הילף לטובת דער שארית־הפליטה.

ביכער-סעריע

# דאָס פוילישע יידנטום

# 47

רעדאַקטאָר:

**מארק טורקאָוו**

פארלאגס - לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

אברהם זאַק

# יאָרן אין וואנדער

לידער און פּאָעמען

★

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס-איירעס, 1949

IMPRESO EN ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
A. Zak, París

ABRAHAM ZAK

# "YORN IN WANDER"

(AÑOS ERRABUNDOS)

Hecho el depósito que marca la Ley.

Buenos Aires, 1949

# אינהאַלט


פון מחבר — 7

**וואַרשע אין פייער**

דער אָנהויב — 11
מיר גראָבן אָקאָפּעס — 12
אזאַ לויטערער סעפּטעמבער 13
ביים ראַדיאָ — 14
צעטומלטע נעכט — 16
אַ גאַס — 17
דערוויילדיקע קברים — 17
ערב ראש־השנה — 18
נישטאָ שוין קיין וואַסער — 20
קאַפּיטולאַציע — 20
דייטשישע שטיוול — 21
„יודע, הערויס!" — 22
דער „פריזירער" — 23
דורך נאַלעווקעס — 24
האַנדל, האַנדל... — 24
די ווענט אויף נאַלעווקעס — 25
איך טראָג אַ מגן־דוד — 26
פּליטים — 27

**נע ונד**

אויף יענער זייט בוג — 31
איך גיי איבער גאַסן — 32
אַ באַזוך אין דער אַלטער היים 33
דורך אַ קראַטן־פּענצטערל — 34
כל־נדרי ביי טשיביו — 36
ווי שטיל — 37
צו מיין מאַמען — 38
טייגע — 39
ווער וועט וויסן — 40
טשיביו — 40
צו מיינע נאָענטע — 41
אין סטאַציאָנאַר — 42
„עוואַקאָפּונקט" — 44
וואַנדערונג אין אוזבעקיסטאַן 46
גוזאַר — 48
איבער ים פון בלוט — 50
ברודער ייד — 52
מיין ווייטע היים — 54
ווען כ'קום צו דיר — 56
צו איינער אין גלות — 57
מיין ווייסע בעט — 59
אַ שטימונג — 60
דריי מיליאָן — 61
מיין פאָלק ישראל — 62
נישט קיין מאַמע — 63
וואָס איז געבליבן — 64
צו דייטשלאַנד — 65
קאַראַנטין! — 69
נישטאָ פאַר דיר — 73
איצט ווייס איך שוין — 74
דו בלייבסט נאָר אַ חלום — 75
שוין נאָנט — 76
תלינים ברוינע! — 77
פאַר אַלע געשאָכטענע מאַמעס 78
אין די אָרענבורגער סטעפּעס 81

**צווישן קברים**


שארית הפליטה — 123
אַ מיידל פון אָשוויענטשים — 124
צו פוילן — 126
אַנטקעגן מיין פענצטער — 127
יזכור... — 129
עס ברומט דער ווינט — 130
עס האָט די ערד — 131
קלוגער זיידע — 133
צום „זיידן" — 134
אין קינדערהיים — 136
אין געטאָ — 138
אַן אָנדענק — 140
עלעגיע וועגן גראָדנע — 142
מיר וועלן געדענקען — 144
מלכות ישראל — 146
אויף אָטוואָצקער „ליניע" — 148
נאַלעווקעס 38 — 153


**פון בוך: „ווערבעס ביים וואַסער"**


ווערבעס — 167
מיין היים פון אַמאָל — 169
אויף מיין טאַטנס געסלעך — 170
מיין באָבעס קרעטשמע — 171
הזכרת נשמות — 173
נאָך סוכות אין שטעטל — 174
האַרבסט־שטורעם — 176
פרילינגס־שפּאַציר — 178
ווינטער־לאַנדשאַפט — 180
אַ האַרבסט־פּייזאַזש — 182
מיין היים — 183
נאַלעווקעס — 184
דורך שלייערן — 185
פליענדיקע באַנען — 186
דאָס געזאַנג פון פרייד — 187
הימן — 188
זאָל זיין... — 189
אויף אַספאַלט־ראָגעס — 190
אויף אַ פשוטער לאָנקע — 191
די זומערס קומען — 193
אונטער קלאָרן שניי — 194
צווישן טאַנגאָס — 195
רעגן — 196
אין אַ ווייסן פּאַרק — 198
נאַכט אין די בערג — 199
קאָפּענהאַגען — 201


**פּאַריזער מאָטיוון:**


אויף שטילן סען — 203
העי גאַרסאָן! — 204
ווערסאַיל — 204
צו אַ פלעמין — 206
איך קום פון אַ ים — 208
אין אַ דאָרף — 209
ביי ווילדע וואַסערן — 210
האַרבסט־אַקאָרדן — 211
שפּעט־האַרבסט — 213
האַרבסט — 217
האַרבסט־דעראָינערונג — 218
ווינטער־פערזן — 220
עלעגיע — 222
מסתמא וועט אַמאָל — 224
אַ לוויה — 225
אַ פרעלודיע — 226
נאָמבערגס לוויה — 227
מעמענטאָ מאָרי — 228
צום דיקטאַטער — מענטש — 229
אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל — 230
די שפּאַניערין — 232
דעם טאַטנס טויט — 233


**צייט־מאָטיוון:**


גולי־אשכנז — 241
אַ ליד וועגן רהיין — 242

*
**

דאָס דאָזיקע בוך איז דאָס צווייטע, וואָס איך גיב אַרויס נאָך אונדזער פּאַטאַליסטישן גרעניץ־יאָר 1939. און סיי דאָס ערשטע — „מיט אַש אויפן קאָפּ" (פאַרלאַג „דאָס נייע לעבן", לאָדזש 1947) — סיי דאָס דאָזיקע בוך „יאָרן אין וואַנדער" טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אונדזער טראַגישער יידישער ווירקלעכקייט.

אַ פּאָר באַמערקונגען:

דער לירישער גראָטעסק „נאַלעווקעס 38" איז אין פלוג נישט אין איינקלאַנג מיטן אַלגעמיינעם זשאַנר פונעם בוך; אָבער דער גראָטעסקאַרטיקער טאָן פון דער דאָזיקער פּאָעמע פאַרמינערט נישט אויף אַ האָר דעם טרויער, וואָס שטעקט אין איר. דעם דאָזיקן טאָן האָב איך גענומען א י נ ט ו א י ט י ו — טאַקע פון יענער סביבה אויף נאַלעווקעס 38, ווו ער איז געווען נאַטירלעך; ווו ער איז געווען ש ט יי ג ע ר. דער קרומער שפּיגל איז אָפטמאָל מער כאַראַקטעריסטיש פאַר געשטאַלטן און דערשיינונגען, און ס'ווילט זיך פאַרפיקסירן יענע סביבה דווקא מיט איר שטייגער, מיט איר קאָלאָריט.

צווישן די פּערסאָנאַזשן זענען דאָ קיין לעבעדיקע נישט דערמאָנט — הגם עס לעבן נאָך געציילטע שרידים פון יענער סביבה. די דאָ דערמאָנטע שרייבער זענען אין גרעסטן טייל געווען קרבנות פון די דייטשישע קרעמאַטאָריעס. טייל זענען געשטאָרבן מיט יאָרן פריער און אויסגעמיטן די היטלער־תקופה.

צום סוף קומט אַריין אַן אָפּטיילונג פון בוך: „זוערבעס ביים

וואַסער". דאָס דאָזיקע בוך האָט געזאָלט דערשיינען ביים יידישן פּעך־קלוב אין וואַרשע, אין 1939; אָבער די מאַטריצן פונעם בוך מיט אַלע כתבֿ־ידן זענען פאַרבליבן אין וואַרשעווער געטאָ. איצט איז מיר געלונגען אויסצוגעפינען אַ טייל פון יענע לידער, וועלכע זענען געווען געדרוקט אין פאַרשידענע פאַר־מלחמהדיקע פּעריאָדישע אויסגאַבן, און כ'גיב זיי דאָ אַריין ווי אַ זכר פון מיין פאַרלוירן בוך.

לאָדזש, מאַי 1948.

דער מחבר.



אברהם זאַק

# ווארשע אין פייער

# וואַרשע אין פייער

(לירישער רעפּאָרטאַזש)

## א.

### דער אָנהויב

אַ פרייטיק. אַ קלאָרער באַגינען
פון פוילישן פרי־האַרבסט אין שטאָט.
אַ הימל קוקט בלוי דורך גאַרדינען,
די זון טוט מיט שטראַלן אַ שאָט.

און פלוצלינג — אַ רוישן, אַ קנאַלן.
עס האָט זיך גאָר נאָענט צעקראַכט.
סירענעס צעטראָגן סיגנאַלן.
אַ ל י אַ ר ם ! די שטאָט האָט דערוואַכט.

דאָס איז נישט קיין פּראָבע, קיין רמז —
דער שונא אין לופטן גאָר הויך.
דאָס איז עס דער אָ נ ה ו י ב , דער א מ ת .
אַ סימן — די קנוילן פון רויך...

עס וואָרנט דער ראַדיאָ צעצויגן:
— „אַ־ל־יאַ־ר־ם פאַר וואַרשע"... — „ס'קומט אָן"...
דער ערשטער שגעון אין אויגן.
דאָס ערשטע מאָל פליט מען אין „סכראָן"...

„זעניטקעס" פון פלעצער עס קנאַלן.
פאַריאָגט ווערט פון אויבן דער פיינט.
סירענעס צעטראָגן סיגנאַלן:
געענדיקט! גענוג איז אויף היינט...

ב.

## מיר גראָבן אָקאָפּעס...

מיר גראָבן אָקאָפּעס לענג־אויס פון דער ווייסל.
מען אַרבעט מיט אייפער, מיט ברען.
פון מוראַנאָוו, נאַלעווקעס, פון שווענטאַ־יערסקע
עס זענען דאָרט יידן געווען.

סיי יידן פון „שטיבל", מיט בערד און אין קאַפּלען,
סיי יידן „גלוחים" אין ריי...
מיט רידלען און לאָמען, מיט העק און מיט קירקעס —
שנעל וואַקסן די גריבער ביי זיי.

רבנים אין שטריימלעך, דיינים אין פיאות
און דיכטער עס זענען אויך דאָ. —
אַלץ שטייט ביי דער אַרבעט, מען גראָבט מיט התמדה.
אַלץ הערט איצט דעם רוף פון דער שעה...

מיר גראָבן אָקאָפּעס פּאַר שורות „זעניטקעס״,
צום שוץ קעגן פיינט פון דער הויך...
רבנים אין שטריימלעך, דיינים אין פיאות
און שרייבער פון צייטונגען אויך...

ג.

## אַזאַ לויטערער סעפּטעמבער...

אַזאַ קלאָרער, לויטערער סעפטעמבער
און דער הימל בלוי.
נאָר פון אויבן האָגלט עס מיט אומקום
אימהדיק אַזוי.

מחנות, מחנות פליען זיי, די „פויגל״,
פונעם טויט געשיקט.
קראַכן ווענט און ס׳וויקלען זיך די שרפות
און אַ רויך עס שטיקט.

ס׳ברענט אויף נאַלעווקעס, אויף מאַרשאַלקאָווסקע —
אַלע גלייך אַצינד.
גורל אויסגעגלייכט האָט ייד און קריסט היינט —
אַלע ווײ און ווינד...

ס׳ברענט בעלוועדער און עס ברענט די דזשיקע —
ס׳איז איין ווײ־געשריי!
ס׳קראַכן ווענט, עס פאַלן איינעט בלאָקן,
מענטשן אונטער זיי...

אין די „סכראַנעס" אַזאַ שווערע ענגשאַפט.
אויבן — שדים־שפּיל...
„וועט עס טרעפן? וועט עס ווייטער פליען
אין אַן אַנדער ציל?"...

„איז עס שוין אַצינד די שעה די לעצטע?"...
„איז עס וויסטער גזר?"...
ווער אין פּחד, ווער אין שטילער תּפילה
צו דעם גאָט דעם האַר...

אַזאַ קלאָרער, לויטערער סעפּטעמבער...
וואַרשע, גורל־שטאָט!
ביסט אין קלעם פון שטן און פון משחית,
ס'האָט פאַרלאָזט דיך גאָט.

ד.

## ב י ם ר אַ ד י אָ

אין אָוונטן, נאָך די „נאַלאָטן",
מען זיצט ביי דעם ראַדיאָ געשפּאַנט.
וואָס זאָגט איצט פּאַריזש? וואָס רעדט לאָנדאָן?
אַלץ רעדט וועגן פּוילן דעם לאַנד.

מען רעדט וועגן דייטש דעם אַגרעסאָר,
מען רעדט וועגן דייטש דעם באַרבאַר...
נאָר וווּ איז די הילף? וועט זי קומען
צו וואַרשע אין שעה פון געפאַר?...

נאָר וווּ איז די הילף? ווען זי קומען
נאָך איידער די שטאָט ווערט פאַרברענט?
מען וואַנדערט פון פאַליע צו פאַליע
ביים ראַדיאָ מיט ציטעריקע הענט.

— „האַלאָ, האַלאָ! דאָ רעדט וואַרשע"...
עס ווערט דאָס געהער מער געשפּאַנט.
ווי תּמיד, עס רעדט איצט סטאַזשינסקי,
שוין הייזעריק דער קאָמענדאַנט:

— „...און ווידער אַ טאָג איז פאַרגאַנגען,
„ס'איז רויט אונדזער הימל פון בראַנד...
„נאָר מוטיק! די הילף איז שוין נאָענט...
„עס שטרעקן די פריינט אונדז אַ האַנט"...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס דרייען די פינגער דעם ווייזער —
ס'איז וואַרשע די טעמע פון וועלט...
ווען קומען די הילף?... ס'קומט דער ענטפער
צומאָרגנס, ווען טאָג זיך נאָר שטעלט:

דער שונא אויפסניי איבער וואַרשע...
בהלה, און שׂרפה, און טויט...
און ווידער דאָס קראַכן פון בלאָקן,
און ווידער דער הימל איז רויט...

ה.

## צעטומלטע נעכט...

צעטומלטע נעכט אין דער הויפטשטאָט.
פאַרטונקלונג. קיין שיין, קיין לאַמטער.
עס דונערט פון הינטער דער ווייסל.
עס שטומט נישט דעם שונאס געווער.

עס וואָיעט מעטאַל איבער הייזער
און פליקט דורך דעם חושך און נאַכט.
עס לעכערן ווענט זיך און קרישלען,
עס רייסט זיך אין לופטן און קראַכט.

צעטומלטע נעכט... קאַנאָנאַדע...
ווי נעבעכדיק ווערט דער בעטאָן.
אין פחד מען לויפט פון חדרים,
אין פחד מען לויפט פונעם „סכראָן"...

עס ווילט זיך נישט ווערן פאַרשאָטן,
עס גלוסט זיך נישט ווערן צעדרענגט.
ווי היט מען דאָס ביסעלע יאָרן,
וואָס גאָט האָט דעם מענטשן געשענקט?...

ו.

## אַ גאַס

ס'ליגט אַ לאַמטערן מיט קאָפּ מיט צעפּלאַצטן
טויט, אויסגעצויגן אין מיסט.
שינעס אויף שטיינער צעקרימט ווי פון קראַמפּן,
טראַמוויי צעניזוקט און וויסט.

קופּעס פון ציגל. דאָ־דאָרטן אַ הרוג
הפקרדיק ליגט אויפן ברוק.
איילן דורך מענטשן דורך גרויל און סכנה,
קיינער צו זיי טוט קיין קוק.

ליגט אויך דערנעבן אַ פערד — אַ נבלה:
אויגן פאַרשטאַרטע און גרויס,
שטייט איבער אים ווער און שניידט מיט אַ מעסער,
שניידט גיך דאָס פלייש פון אים אויס.

ז.

## דערווייליקע קברים

אויף קראַשינסקי־פּלאַץ, אין קליינעם גרינעם סקווערל,
וואַקסן קברים אויס אַ גאַנצע צייל:
ווייט איז דער בית־עולם, הימל שיט מיט פייער —
גראָבט מען קברים דאָ אויף גיך, דערווייל...

ליגט דאָ ייד און קריסט — פאַרברידערט איצטער אַלע,
ס׳האָט איין גורל זיי געבראַכט אַהער...
סטאַרטשען נאָר צוקאָפּנס ברעטעלעך מיט נעמען,
וואַרטן אויף לוויה, אויף אַ טרער...

ח.

## ערב ראש-השנה

אַ טאָג פון טויט, אַ טאָג פון שרפות.
געשפּרייט האָט זיך אַ רויטער ים.
די נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער,
די גענשע, דזשיקע — אַלץ אין פלאַם!

אויף מוראַנאָוו, אויף שווענטאָ-יערסקע,
אויף מילע, סטאַווקע — וואָלקנס רויך.
מען זעט קיין הימל נישט, נאָר קנוילן,
נאָר שוואַרצע קנוילן אין דער הויך...

געטראָפן האָט עס היינט אין „סכראָנעס",
אין טויערן, אויף טרעפּ, אין שטוב.
אַ יעדע גאַס איז אַ בית-עולם,
כאָטש אָן אַ קבר, אָן אַ גרוב...

דאָס האָבן זיי, די לופט-משחיתים,
לכבוד יום-טוב עס געטאָן.
מיט פולווער און מיט בליי פאַרשאָטן
דעם גאַנצן יידישן ראַיאָן.

אַ טאָג פון טויט, אַ טאָג פון שרפות...
און ווען לסוף דער טאָג אַוועק —
מיט יידן פול געווען די גאַסן,
געיאָגט פון וואַנזין און פון שרעק.

געדראַנג אויף ברוק, מיט גלאָז צעזעצטן,
שגעון־יאָמער אין דער לופט — — —
עס שרייען קינדער: — „מאַמע!”, „מאַמע!”
דאָ־דאָרט איר קינד אַ מאַמע רופט.

געדראַנג פון לעש צו מוראַנאָווסקע,
פון מוראַנאָווסקע צו דער לעש...
דורך גלאָזוואַרג, לעדער און דורך שאַכטלען,
דורך באַלן, שטאָפן, שוכוואַרג, וועש...

און ווען ס'איז אָנגעקומען אָוונט,
די ראש־השנהדיקע נאַכט —
פאַרשפרייט האָט זיך אַ רויטער הימל
אַריבער וואַרשעס טויטער פּראַכט...

נאָר וווּ־נישט־וווּ אין סומנע הויפן,
צעווישן שאָטנס פון אַ שול —
געזאַמלט האָט מען זיך צו מעריב.
גאָטס הויז געווען מיט יידן פול...

פאַרקלונגען האָט מיט „שמע ישראל”
אין יום־נוראימדיקער נאַכט — — — —
פאַרשפרייט האָט זיך אַ רויטער הימל
אַריבער וואַרשעס טויטער פּראַכט...

ט.

## נישטאָ שוין קיין וואַסער...

נישטאָ שוין קיין וואַסער, נישטאָ שוין קיין ליכט מער,
שטום איז דער ראַדיאָ שוין אויך.
עס טרייסט שוין נישט מער איצט די שטים פון סטאַזשינסקין.
ס'וויקלט זיך וואַרשע אין רויך.

פאַרחלשטע ליגן שוין קינדער אין „סכראָנעס",
טוליען צו מאַמעס זיך צו — — — —
עס פאַלן איין ווענט און זיי ברענגען די מענטשן
אייביקע, אייביקע רו — — — —

עס פאַלן איין ווענט און עס ווילדעווען שרפות,
דונערן פאַלן אויף שטאָט!
דער הימל איז דול און די ערד איז משוגע —
ווו זשע, ווו זיצט איצטער גאָט? — — —

י.

## קאַפּיטולאַציע...

פון ווייסל־ברעגעס, פון די פאָרטן,
פון ציטאַדעל — פון אומעטום,
עס ציען פוילישע „קאָמפּאַניעס",
זיי גייען טריב, זיי קריכן שטום...

פאַרשמוצט פון וואָכן אין אָקאָפּעס,
אָן לידער גייט דאָס מיליטער...
די קעפּ געזונקען, גייט מען לייגן
אויף פלאַץ-קראַשינסקי דאָס געווער...

עס וואַקסן אויסעט גאַנצע קופּעס
פון ביקסן, ביקסן דאָ און דאָרט.
עס קומען שטומע די „קאָמפּאַניעס"
און שטום צעגייט מען זיך, אָן וואָרט...

ס'איז נישט קיין מאַרש פון פרייד, פון יובל.
אָן לידער גייט דאָס מיליטער...
ווער ווייסט, ווען ס'וועלן וואַרשעס העלדן
זיך ווידער נעמען צו געווער? — — —

י"א.

## דייטשישע שטיוול

עס טרעטן שוין דייטשישע שטיוול אויף גאַסן.
עס הילכט שוין מיט פרעכן געזאַנג...
פון וואָלסקע ביז פּראַגע, אויף נייוועלט, קראַקאָווסקע
עס גרילצט ווילד אַ רעדער-געקלאַנג.

עס ציען זיך האָרדעס אין גרינע מונדירן,
אין העלמען, אין מעש און אין שטאָל —
מיט פנימער ווילדע, מיט בליקן פאַרשייטע,
עס ציען זיך האָרדעס אָן צאָל.

זיי שרייען און יובלען צעווישן די חורבות
און פרעכער אַלץ ווערט זייער ליד.
עס טרעטן שוין דייטשישע שטיוול אויף גאַסן
און ס'קוקט צו מיט אומרו דער ייד — — —

י"ב.

## „יודע, העראַוס!"...

די „נאָבעלע" דייטשן, זיי טיילן היינט זופּ
און לעבעלעך ברויט...
ס'איז פול שוין דער פּלאַץ און די רייען ווי לאַנג
פון מענטשן פון נויט...

עס קריכט אום אַ „פּיקלהויב" צווישן המון
און נישטערט און זוכט.
צעדונערט זיין קול זיך: — „דו יודע, העראוס!"
— „פערדרעקע, פערפלוכטע!"...

דאָס האָט אים אַ „נאָבעלע" „פּאַני" געצייגט:
—טו יודע, פּאַן האַנס!...
איז קירצער געוואָרן אַביסל די ריי
און גרעסער איר שאַנס...

און ווען שוין „פּאראייביקט" די „נאָבעלע טאַט"
דורך פילם עם ווערט —
אַ סוף צו דער זופּ און אַ סוף צו דעם ברויט,
וואָס קוים ווען באַשערט...

י״ג.

# דער „פריזירער״

ער קומט אויף נאַלעווקעס טאָג־טעגלעך,
דער עלעגאַנטער אָפיציר:
לאַקירטע שטיוול, ווייסע הענטשקעס,
און אויף דער ברוסט מעדאַלן פיר.

— דו יודע, האַלט! — ער כאַפּט אַ זקן
מיט הדרת־פּנימדיקער באָרד.
— די מיצע אַב! — ער שמייסט זיין היטל,
און ס׳ברענט ווי קויל דעם ייד דאָס אָרט.

ער ציט פון טאַש אַרויס אַ שערל
(קיין הענטשקע ציט ער נישט אַראָפּ...),
און מיט אַ זעץ אין קין דעם זקן
דאַן הויבט ער אויף דעם יודן־קאָפּ.

ער שערט, ער שערט אַראָפּ די באָרד אים,
ער שערט אַראָפּ אים נאָר איין זייט...
צופרידן בלייבט ער פון זיין „מיסיע״ —
דערזעט אַן אַנדער באָרד נישט ווייט...

— דו יודע, האַלט!... — אַזוי כסדר
דאָ־דאָרט עס שערט דער אָפיציר:
לאַקירטע שטיוול, ווייסע הענטשקעס
און אויף דער ברוסט מעדאַלן פיר...

י"ד.

## דורך נאַלעווקעס

דורך נאַלעווקעס אַ לויפנדיקע מחנה יידן —
צענויפגעכאַפּט פון טראָטואַר, פון גאַס.
— שנעל! שנעל! — עס יאָגן דייטשן זיי און שטויסן,
די פּנימער פון שווייס און אַנגסטן נאַס.

— שנעל! שנעל! איר יודן-באַנדע! דאָנערוועטער! — —
דורך נאַלעווקעס אַ מחנה יידן פליט:
אין קאַפּאָטעס, אין קאַפּלען, טלית קטנס,
און „עלעגאַנטן" אין מאָדערנע היט...

אַ יאָגעניש, — כאַטש שפּיי אויס די נשמה.
אויף אַרבעט טרייבט מען עס צום קאָמענדאַנט.
און ס'מאַכן לוסטיק זיך די כאַפּערס, די געפרייטערס,
און ליאַרעמען מיט אויטאָמאַט אין האַנט...

ט"ו.

## האַנדל, האַנדל...

באַזאַרלעך ביי חרובע הויפן,
אויף ראָגן, אויף סקווערן.
עס מסחרן איידעלע „פּאַנים",
עס מסחרן הערן.

עס קריכט שוין די נויט אין די הייזער,
זי שאַנעוועט קיינעם.
און טיפוס געוואָרן אַ גאַסט איז
ביי יונגע, ביי זקנים.

פאַרקויפט מען אַלץ אוים, וואָס פלעגט תמיד
דאָס לעבן באַצירן:
אַ זילבערנעם פוקס, אַ בריליאַנטל
און זילבער-געשירן...

אויף נאַלעווקעס גייט אויך אַ „מסחר"
אויף די טראָטוארן:
איין יינגל פאַרקויפט „מגן-דודים",
אַ צווייטער — ציגאַרן.

און יידן פאַרקויפן אוים רעשטלעך
פון נאַלעווקער קראָמען —
צעשטערטע פון שרפות, „נאַלאָטן"
דורך דייטשישן המן...

ט"ז.

## די ווענט אויף נאַלעווקעס

די ווענט אויף נאַלעווקעס פאַרקלעפּט מיט „שטירמער",
„געמעלן" העצן פון פּאַפּיר:
דער „יודע" — אונטערדריקער פון דער וועלט, פון פעלקער...
דער „יודע" — בלוט-זויגער, וואַמפּיר...

די „ריינע ראַסע" גייט די וועלט באַפרייען
פון „יודע" און זיין קאַפּיטאַל...
דער האַקנקרייץ, ער ברענגט איצט די גאולה —
„עס לעבע דויטשלאַנד איבעראַל!"...

עס קוקן יידן צו די ווענט פאַרקלעפּטע,
זיי טייטשן אויס געַנוי דעם פּשט:
ס'איז אַך און וויי צו וועלט און צו די פעלקער,
ווען דער באַפרייער איז — דער קאַט! — — —

ר"ז.

# איך טראָג אַ מגן-דוד...

איך טראָג אַ בלויען מגן-דוד אויף מיין אַרבל.
עס שפּיזן בליקן דייטשישע אין גאַס.
נאָך שטאַרקער, הייסער גליט אין האַרץ די קללה,
אין דער נשמה טיפער ברענט דער האַס.

איך טראָג אַ בלויען מגן-דוד אויף מיין ארבל.
נאָר ניין, נאָר ניין, ס'איז פאַר מ י ר קיין שאַנד!
פאַרשוועכטע הייליקייט — ס'איז א יי ע ר , א יי ע ר חרפה!
ס'איז שאַנד פאַר א יי ע ר פאָלק, פאַר א יי ע ר לאַנד!

איך טראָג, איך טראָג מיט שטאָלץ אים אויף מיין אַרבל.
איך פאַל נישט, ווער נישט נידעריק דערפון.
נאָר א י ר ! איר זינקט אַלץ טיפער אין דער שוואַרצער טומאה,
איר ווילדסטע, בלוטיקסטע פון אונטער זון...

י״ח.

# פליטים

מען לויפט צו־פוס, מען לויפט מיט באַנען,
מען לויפט דורך בוג און דורך מאַלקין...
עס בלאָנקען מחנות אויף שאָסייען —
אַלץ ציט אַהין, אַלץ ציט אַהין...

מען זאָגט: אין ביאַליסטאָק איז יום־טוב;
מען זאָגט: מען טאַנצט אין גאַסן דאָרט.
דאָרט טראָגט מען נישט קיין „מגן־דודס",
און „ייד" איז נישט קיין זידל־וואָרט...

עס בלאָנקען מחנות אויף שאָסייען,
מען לאַגערט אויף „נייטראַלן פּאַס"...
מען לויפט פון שרעק און פון רציחה,
מען לויפט פון שנאה און פון האַס...

מען זעגנט זיך מיט ד' אמות,
דער רוקזאַק בלייבט נאָר דער פאַרמעג...
עס הויבט זיך אָן דער לאַנגער גלות,
דער פרעמדער, נע־ונדער וועג — — —

ווארשע, האַרבסט, 1939 — לאָדזש 1948.

גנב וגד

# אויף יענער זייט בוג

אַ סוף שוין צום גרויל פון די טעג,
אַ סוף שוין צום פּחד פון נעכט;
צו שענדלעכער לאַטע אַן עק, —
איך בין שוין נישט מערער קיין קנעכט...

איך בין שוין אַצינד נישט, ווו טויט
עס לויערט אויף איטלעכער שטוב;
ווו יידן עס ווערן געניוט
פאַר זיך אַליין גראָבן אַ גרוב...

איך בין שוין אויף ד ע ר - זייט אַצינד,
איך אָטעם שוין פריי איצטער אָפּ.
עס גלעט מיך אַ דופּטיקער ווינט
און כ׳הויב אויף צום הימל דעם קאָפּ...

סעמיאַטיטש, 12 דעצעמבער 1939.

# איך גיי איבער גאַסן...

איך גיי איבער גאַסן און גלויב נישט אַליין,
עס גלויבט זיך מיר גאָרנישט, אַז איך בין שוין פריי.
מען שרייט מיר נישט נאָך דאָ נישט „יודע״, נישט „זשיד״;
עס דראָט נישט מיין שאַרבן קיין שפּליטער פון בליי.

אַט גייען אַרמייער אַנטקעגן אין גאַס,
מאַרשירן מיט לידער פון סטעפּעס, פון ווייט.
עס קלינגט אַזוי פרידלעך אין לופט דאָס געזאַנג
און ס׳גלוסט זיך מיר מיטגיין מיט זיי ביי דער זייט.

איך זע זיי, איך הער זיי, — זיי טוען קיין שלעכטס.
עס יאָגט נישט, עס שימפּט מיך נישט קיינער פון זיי...
דאָס זענען קיין ברוינע מחבלים, קיין הינט.
זיי שיקן גאָר פריינטלעכע שמייכלען פון ריי.

איך גיי איבער גאַסן און גלויב נישט אַליין,
עס גלויבט זיך מיר גאָרנישט, אַז איך בין שוין פריי.
געוועזן אַ ווייסטער, אַ בייזער קאָשמאַר
און איצט — כ׳בין געוואָרן איצט מ ע נ ט ש אויף דאָס ניי...

ביאַליסטאָק, 15 דעצעמבער 1939.

# אַ באַזוך אין דער אַלטער היים

די זעלבע געסלעך, דוכט, די זעלבע הייזלעך,
די זעלבע שטילקייט אויפן פעלד, —
ווען שטורעמס גייען אויף דער ברייטער ערד אום,
ווען שטורעמס גייען איבער וועלט...

דער זעלבער הימל שפּרייט זיך אויס מיט בלויקייט,
די זעלבע גרינקייט פון אַרום. —
און, דוכט, אַז אויפן פירעק-מאַרק ווי תמיד
די זעלבע יידן גייען אום...

עס האָט זיך נאָר איין הויז אין מאַרק געביטן, —
געביטן מיט אַן אַנדער שילד:
„ראַיאיספּאָלקאָם"... און ווייטער, דוכט זיך, גאָרנישט.
ס'איז ווייטער, דוכט, דאָס אַלטע בילד.

די זעלבע שול, דער זעלבער ווייסער קלויסטער,
און אויבן אויך די זעלבע זון.
דער זעלביקער בית-עולם הינטער שטעטל
מיט די מצבות און פּ"נ...

נאָר אין די גאַנקעס זיצן רעדלעך יידן,
מען טייטשט בלחש אוים דעם פשט.
זאָגט איינער: — ס'קומען אָן איצט נייע צייטן...
דער צווייטער: — פתח שין... שאַ... שאַט...

אַמדור, מאַי 1940

# דורך אַ קראַטן־פענצטערל

איך זע אַצינד דיך, ניעמאַן־שטאָט, קאָן זיין, צום לעצטן מאָל.
ס׳פאַרשנעלערט אַלץ זיין גאַנג דער עשאַלאָן.
ס׳פאַרשווינדן גאַסן. ס׳לויפן דורך „סלאָבאָדקע” און „פאָדאָל”...
דער ניעמאַן... פערשטאָט... פעלדער קומען אָן...

געלאָזן דאָרט די ערשטע און, קאָן זיין, די לעצטע פריינט:
אַ גרויע מאַמע, גוטע שוועסטער טריב און באַנג...
אָ זיי געזונט, דו ניעמאַן־שטאָט, כ׳פאַרלאָז דיך היינט.
עס הויבט זיך איצט מיין גלות אָן אויף לאַנג — — —

די רעדער רוישן מאָנאָטאָן. ביי טאָג, ביי נאַכט אַזוי.
עס טראָגט דער גורל מיך אין פרעמדער ווייט...
מיין גאָט! געוואָרן מיינע שלייפן זענען פלוצלינג גרוי,
געוואָרן גרוי צו פרי, נאָך פאַר דער צייט — — —

אין עשאַלאָן פון גראָדנע קיין קאָמי, 1940

# וויטער צפון

I

## כל-נדרי ביי טשיבין

כל-נדרי-פארנאכט ביי דעם טייכל טשיביו.
דער מערב איז רויט און די זון שוין פארגייט,
איך קוק צו דעם מערב — דאָרט ווייט איז מיין היים:
אַ שטעטעלע ליגט אין אַ טאָל דאָרט צעשפּרייט.

אַ שול מיט מתפּללים אין ווייסן געהילט.
טליתים-עטרות אַריבער געזיכט.
אַ שטילער געיאָמער, אַ שטילער געקלאָג.
אין ציטער אין הייליקן פלעמלען זיך ליכט...

איך קוק צו דעם מערב — און ס׳שווימט פון דער ווייט
דער ניגון דער אַלטער פון דורות אַהער...
כל-נדרי — — — כ׳פאַרנעם ווי פון כישוף אַ הארף,
עס ציטערט אין אויג אַ געלייטערטע טרער...

כל־נדרי — — — דער וואַלד איז שוין מער נישט קיין וואַלד —
אַן עדה אין תפילה, אין שטילן געברום...
די שטראַלן פון שקיעה — ווי ליכט פון דער שול,
עס רוט דאָ די שכינה אין גרינעם אַרום — —

כל־נדרי — — — כ'זינג מיט און צעגיי פון געוויין.
פאַרנאַכטיקע טייגע ווערט פול מיט געזאַנג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כל־נדרי־פאַרנאַכט ביי דעם טייכל טשיביו.
דער מערב איז רויט און די זון ביים פאַרגאַנג...

אוכטאַ (קאָמי), 1940 — אוראַל, 1942.

II

## ווי שטיל...

ווי שטיל עס איז היינט אין דער טייגע,
עס בענקט זיך אַזוי און עס ציט.
עס האָט זיך אַ פויגל צעטרילערט,
ס'דערמאָנט וואָס דאָס וואַלדישע ליד...

ווי שטיל עס איז היינט אין דער טייגע,
די זון מיט אַ שמייכל פאַרגייט.
אַ טונקלקייט נידערט פון הימל
און שאָטן אויף טייגע צעשפּרייט.

און ס'טרוימט זיך: מיך רופט ווער ביים נאָמען,
און ס'צערטלט אַ וואַרימע האַנט...
און ליב איז אין היימישן ווינקל,
און ליב איז אין היימישן לאַנד — — —

אוכטאַ (קאַמי), 1940 — אַק־בולאַק 1943.

III

## צו מיין מאַמען

איך זע דיך, מאַמע, ווי דו שטייסט געקאָרטשעט, איינגעבויגן
אין שטילער, שטילער קדושה ביי דעם טאַטנס קבר.
עס רינען דיינע שטומע טרערן פון די מאַטע אויגן
און ציטערסט, ציטערסט, כליפּענדיק, מיט יעדן אבר.

דו בעטסט פאַר מיר דעם טאַטן רחמים, ר'זאָל זיך „דאָרטן" מיען,
ר'זאָל „וועלטן איינלעגן" און שיקן מיר גאולה.
דאָך טעג פאַרגייען. טעג אין טייגע שווער זיך ציען.
עס האָבן, מאַמע, דיינע טרערן נישט קיין פּעולה.

איך זע דיך, מאַמע, פון מרחקים. כ'זע דאָס בלאַסע פּנים
אין נעץ פון טיפע קנייטשן פונעם צער און טרערן.
אין טייגע־עלנטקייט כ'פאַרנעם דיין קול. יאָ, איך דערקאָן אים,
און גרינגער ווערט און וואַרימער אין יאָך אין שווערן — — —

IV

# טייגע

טייגע׳ אָן אָן אָנהויב,
טייגע אָן אַ ברעג. —
זוך דאָ נישט קיין אויסוועג,
זוך דאָ נישט קיין וועג.

נישט קיין פויגל־טרעלן —
ס׳גרילצן האַק און זעג,
וועלקט אַזוי דיין לעבן,
דיינע תּפיסה־טעג...

זון גייט אויף, גייט אונטער
איבער וואַלד און פּליין.
נאָר איך האָב איר שיינקייט,
נאָר איך האָב איר חן.

זעג זשע, האַק די יאָלקעס,
שלעפּ דעם וויסטן יאָך.
דיינע שטילע טרערן
שלינגט נאָר איין דער מאָך...

V

## ווער וועט וויסן...

ווער וועט וויסן גאָר ווו יענע קאַלטע הימלען,
ווו עס שפּרייטן זיך די ווייסע ימים-שניי?
ווו עס ווייזט זיך נאָר די זון ווי אויף צו להכעים?
ווו דער חלל פול מיט זיפצן און מיט וויי?

אויב כ'וועל אויסגיין דאָ אין די מרחקים וויסטע,
אין דער שטומער טייגע-עלנטקייט, אַליין, —
ווער וועט וויסן ווו עס איז די שטילע יאַלקע,
וואָס וועט תהלים זאָגן איבער מיין געביין?...

VI

## טשיביו

טשיביו, טשיביו!
דיינע ווילדע זיגזאַגן
דורך סופּלאַזע טייגעס
האָבן מיין לעבן פאַרפּלאָנטערט,
מיינע טעג און נעכט
אין קאַשמאַרן פאַרוויקלט.
איך קריך צו די ברעגעס דיינע
דורך דזשונגל-בוימער און בוריאַן.
כ'זיץ שעהן-לאַנג ביי די וואַסערן דיינע,
טונקעלע,

כ׳הער זיך איין אין דיין שטיל געפליסטער,
כ׳הער זיך איין און פאַרנעם אַ שלוכצן,
אַ שטים פון דורות,
אַ געוויין פון דורות:
על נהרות בבל — — —

טשיביו, טשיביו!
כ׳וויין זיך אוים ביי דיינע ברעגעס,
כ׳טריף אַראָפּ מיין טרער
אין דיינע וואַסערן,
און כ׳גיי אַוועק פון דיר
אין טרויער הייליקן,
אַ געלייטערטער פון ווי אַן גרעניצן...

אוכטאַ (קאָמי), 1940 — „טשערוואָנאַ בורטאַ" 1942

VII

## צו מיינע נאָענטע

איך זע אייך אַלע נאַכט אין חלום.
מען זיצט ביים טיש. מען לאַכט, מען רעדט.
עס הערשט נאָך אויף דער וועלט דער שלום.
מען עסט דאָס ברויט נאָך צו דער זעט...

עס לאָקן פירות פון די טאַצן,
עס רינט דאָס בלוט פון פּאָמעראַנץ.
דער ראַדיאָ אָפּן. פון „פּאַיאַצן"
עס זינגט ווער ערגעץ פול מיט גלאַנץ.

אַ זופּ דעם טיי, אַ וואָרט, אַ שמייכל.
ס׳דערציילט ווער גאָר אַ פיינעם שפּאַס.
די ניאַניע פרעגט: „וואָס איז דער שכל,
וואָס ס׳קינד האָט פיינט גאָר אַנאַנאַס?״...

ווי לויטער, העל! אויף זעל קיין שאָטן...
נאָר פּלוצלינג עפנט זיך דער תהום
און ס׳ווערט די חלום-וועלט פאַרשאָטן:
עם הילכט שוין אין באַראַק: — „ פּ אַ ד י אָ ם ! ״ — —

אוכטאַ (קאָמי) 1941 — אוראַל 1944

VIII

## אין סטאַציאָנאַר

שנייאיקער צפון. נאָר טייגע.
עלנטקייט אין סטאַציאָנאַר*).
ס׳פלאַקערט מיין גוף ווי אין פלאַמען,
ס׳פלאַקערט נשמה אין צער.

יאָלקע אין ווייסן ביים פענסטער
שטייט דאָ מעת-לעתן און וואַכט.
רעדט זי פון עלנטן שטאַרבן,
מיין איך: דער טויט קומט די נאַכט...

*) סאַניטאַר-פּונקט, שפּיטאָל.

ס'טאַנצט אַלץ אַרויף טערמאָמעטער.
נעפּל קריכט שווער אויפן זין.
שוועסטער! מאַך לינדער דעם ווייטיק,
שענק נאָר אַביסל מאָרפין.

ס'ווילט זיך נישט שטאַרבן אין טייגע,
ווייט פון דער וועלט דאָס געביין.
ס'ווילט זיך אַ היימיש בית־עולם,
היימישער קבר און שטיין...

הימלען! נישט לאָזט מיך דאָ אויסגיין,
ווייט און פאַרגעסן פון וועלט.
עלנט, קיין טרער נישט פון קיינעם,
בלויז נאָר פון טייגע די קעלט — — —

אוכטאַ (קאָמי), 1940 — לאָדזש 1947.

# „עוואַקאָפּונקט"

קויטיקער, נאַסער דעצעמבער.
רעגנס בייטאָג און ביינאַכט.
מענטשן פון שטעט, פון מרחקים
גורל אַהער האָט געבראַכט.

טוליען אויף דיל זיך די שאָטנס.
ליגן אין טראַנטעס ווי מיסט.
היים איז צעשטערט און איז חרוב,
היים פון אַ טייוול פאַרוויסט.

טאָפּאָלן שטומע אויף גאַסן.
טריב איז דאָס שיינע טאַשקענט.
ערגעץ — פאַר טויזנטער מיילן! —
ברויזט די מלחמה און ברענט.

קומען אַלץ אָן עשאַלאָנען,
שפּייען זיי מענטשן דאָ אויס.
וואַקסט אַלץ די קויטיקע מאַסע,
הונגעריק, נאַקעט און בלויז.

פול דער „עוואַקאַפּונקט"1) איז שוין —
אַלע איין מאַסע, איין קנויל!
ס'האָט זיי פאַריאָגט דאָ דער תליון,
ס'האָט זיי פאַרטריבן דער גרויל.

הערלעך און גרויס דער וואָקזאַל איז.
עלנט דאָך גרעסער אַ סך.
ליגט מען דערנעבן אין „סאַדיק".2)
ווייגענדער הימל — דער דאַך...

שטופּן זיך רייען צו „לאַרקעס",3)
וויאַרסטיקע רייען נאָך ברויט.
אויגן פאַרלאָשענע, קאַלטע.
היט דאָ זיין ריי אויך דער טויט...

טאָפּאָלן שטומע אויף גאַסן.
האַרבסטיק דאָס שיינע טאַשקענט.
טרוימט זיך: אַ פּיצעלע דיל כאַטש...
חרוב די היים און פאַרברענט — — —

טאַשקענט 1941 — לאָדזש 1947.

1) עוואַקואיר־פּונקט.
2) גערטל, סעדל.
3) געוועלבלעך.

# וואַנדערונג אין אוזבעקיסטאַן

עס ליגט אַ קישלאַק אַ צעזייטער אין זאַמד
און לאַקט מיט זיין רו, מיט זיין פריד.
אין וועלכער קיביטקע אַ ווינקל קען זיין
איין נאַכט פאַר אַ פוילישן ייד?...

איין נאַכט כאַטש, איין נאַכט כאַטש אין ווייסן קישלאַק,
אויף ערגעץ אַ שטיינערנעם דיל...
די זון, ווי זי ברענט און אָן שאָטן דער וועג,
נאָר זאַמדיקע ווייטן אָן ציל — — —

עס ליגן די קעמלען אין מדברשער היץ
און אייזעלעך שרייען אין וועלט.
באַבאַיען אין טשאַלמען, קיזינקעס אין צעפּ
דאָ־דאָרט אויף אַ שוועל פון געצעלט.

ווו פאַלט מען אנידער? אויף וואָס פאַר אַ שוועל?
מה טובו... ווי גוט איז אַ היים!
עס לאַקן, עס רייצן מיט רו און מיט פריד
די ווייסע קיביטקעס פון ליים.

דער רוקזאַק, ער שטעכט און דער גומען, ער ברינט.
ווו עפנט מען אויף דאָ אַ טיר? — — —
געוועזן אַ הויז און געוועזן אַ היים —
ווי ווייט איז עס איצטער פון מיר! — — —

גישדאָרף (בוכאַרער געגנט) 1942 — לאָדזש 1948.

# גוזאַר*)

געצעלטן לייוונטענע, לאַנגע, לאַנגע רייען,
געצעלטן גרויע אויף אַ באַרג צעשפּרייט.
פון אַלע, אַלע וועגן קומען פרישע מחנות,
און ס'זענען אַלע צו נקמה גרייט...

מען קומט אין צויטן, טראַנטעס און מען קומט פון הפקר,
מען קומט פון נע־ונד דורך טעג און נעכט...
פאַר מיילן טויזנטער עס ווערט די היים צעטראָטן,
פאַר מיילן טויזנטער אַ תליון שעכט...

מען גייט ביינאַכט צו רו אויף שטרוי אין די געצעלטן
מיט כאַר־געבעט צו האַר פון גרויסער וועלט.
און מיט געזאַנג פון „קיעדי ראַננע ווסטאַיאָן זאָזשע"
שטייט אויף דער באַרג אין דער באַגינען־קעלט.

נאָר ס'קומען אין געצעלטן געסט אויך אומגעבעטן —
צינגאַ**) און טיפוס... שניידן נאָכאַנאַנד.
און יעדן אינדערפרי וואַקסט אוים אַ ריי מיט מתים
דאָרט הינטער די געצעלטן ביי דעם ראַנד.

*) גוזאַר — אַ ראַיאָן־שטאָט אין בוכאַרער געגנט, נישט ווייט פון דער אַפגאַניס־טאַנישער גרעניץ. פאַרמיר־פונקט פון דער פוילישער אַרמיי אין 1942.

**) צינגאַ — סקאַרבוט.

„דער באַרג פון טויט"... — אַ וויסטער שפּאַס פון הפקר־לצים,
דאָך שרעקט עס נישט דעם מענטש פון נע־ונד...
עס קומען פרישע מחנות אַלץ פון אַלע וואַנדער־וועגן —
פון אָרענבורג, טאַשקענט, דזשאַלאַל־אַבאַד...

גוזאַר, גוזאַר! דו האָסט אונדז גאַנצע פּערציק טויטן
געגעבן יעדן טאָג דאַן מיטאַמאָל,
נישט ווייט, בשכנות איז געוואַקסן אַ בית־עולם,
אַן אייגענער בית־עולם אין אַ טאָל.

עס ליגן דאָרטן אונטער קליינע, געלע בערגלעך
פּאָליאַקן, יידן — אַלע, אַלע גלייך...
מיר האָבן יעדן טאָג געגראָבן פרישע קברים
אין יענעם טאָל, — אין טויטן־קעניגרייך...

געגענגט האָבן אומעטיקע, קאַלטע הימלען,
עס האָט צומאָל אויך צוגעדעקט אַ שניי.
געוואַרט אין די געצעלטן האָט מען אויף נקמה,
פון ווייטער היים האָט ווינט געבראַכט געשריי — — — —

גוזאַר 1942 — לאָדזש 1947.

# איבער ים פון בלוט...

איבער ים פון בלוט
שפרייט זיך בלויער הימל אוים —
אַ סימן: ס׳וועט נאָך פרילינג זיין,
ס׳וועט נאָך לעבן זיין,
ס׳וועט נאָך ווידער בליען אַלץ,
און מענטש וועט קענען פרייען זיך,
ווי פריער, ווי אַמאָל!...

עס וועלן אַקעראייזנס דורכקרייצן די פעלדער,
די ביינער מענטשלעכע פאַרשיטן,
די שאַרבנס סטאַרטשענדע צעדרויבלען
און צוגרייטן אַ זומער פאַר אַ נייעם דור...

וויין נישט, מענטש, און קלאָג נישט, מענטש,
ס׳איז מן־הסתם באַשערט געווען אזוי:
אַ וועלט זאָל אונטערגיין —
אַ וועלט זאָל אויפגיין — — —

פאַרדעק די קברים און באַציר מיט בלומען,
צינד אַ יזכור־ליכט — נעם אויף דעם נייגעבורט,

ווייש אָפּ פון אויג די טרער — מאַך אויף דאָס האַרץ פאַר
נייער פרייד...

ס'איז מן־הסתם באַשערט געוועזן אַזוי:
אַ וועלט זאָל אונטערגיין —
אַ וועלט זאָל אויפגיין — — —

נאָר וועלכער גאָט וועט וואַגן אין זיין גאווה רופן:
— „איך בין דיין צדק
און גערעכט מיין משפּט!"?! — — —
און ס'זאָל דערביי זיין טראָן נישט טון קיין וואַקל?! — — —

„טשערוואָנאַ בורטאַ", 1942

# ברודער ייד...

ברודער ייד און ברודער פּאָליאַק,
לאָמיר געבן זיך די האַנט;
לאָמיר אויסלייזן פון שונא
אונדזער היים און אונדזער לאַנד.

ס׳איז דער פיינט אַ ווילדער תליון,
פול מיט תליות אונדזער ערד...
שטאָט און דאָרף אַוועק דורך פייער
און מיליאָנען דורך זיין שווערד.

אַלץ, וואָס הייליק, ר׳האָט צעטראָטן
מיטן שטיוול גרויזאַם, שווער.
ליגט דאָס לאַנד אין חורבות, חורבות!
אַלץ פאַרשוועכט, אַלץ וויסט און לער...

אומעטום נאָר קברים, קברים,
מאַסן־קברים נאָר צעזייט.
ד׳האָט געצונדן און געשאָכטן,
און געשאָכטן ווילדערהייט...

זענען רויט שוין ב ו ג און ו ײ ס ל ,
און דאָס בלוט שרײַט פון דער ערד...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ברודער ייד און ברודער פּאָליאַק!
שנעלער, שנעל צו ביקס און שווערד!

אק־בולאק, 1944.

# מיין ווייטע היים

מיין ווייטע היים פאַרלאָזענע! ווען זע איך דיך שוין ווידער?
ווי בענקט זיך שוין נאָך דיינס אַ פרייען וואַלד, אַ בונטן פעלד!
ווי בענקט זיך שוין נאָך דיינס אַ גרינעם שאָטן, פויגל־לידער!
ס'איז נמאס שוין, ס'איז נמאס שוין די קאַלטע, פרעמדע וועלט...

ס'איז נמאס שוין די פרעמדע ליבע און די פרעמדע שנאה,
די פרעמדע, וויסטע סטעפּעס און די פרעמדע דערפער, שטעט.
ווי גלוסט זיך שוין אַ פּאַל טון צו די לאַנקעס דיינע גרינע,
ווי גלוסט זיך רוען, רוען אין דעם היימיש־ווייסן בעט...

ס'איז נמאס שוין דאָס וואַגלען אויף די גלותדיקע וועגן,
עס שטיקט דער פרעמדער חסד, ס'ווערגט דאָס פרעמדע ביסן ברויט...
מיין ווייטע היים! נאָר ווער זשע וועט אַרויסגיין מיר אַנטקעגן?
צי נישט אַמאָל אַ ים געשפּענסטער פּונעם מאַסן־טויט? — —

און אפשר קענען דיינע פעלדער־וועלדער מער נישט גרינען:
עס האָט דער תליון אומעטום נאָר קברים אויסגעזייט — —
און אפשר וועל איך שוין ביי דיר, מיין היים, קיין טרייסט געפינען,
און כ'וועל נאָר עלנט, ווי אַן אבל, בלאָנקען שטומערהייט — —

און אפשר איז באַשערט מיר שוין צו זיין נאָר דער מקונן
פון ברידער־קדושים אויסגעשאָכטענע ווי בידנע שאָף...
און כ׳וועל נאָר בלאָנקען צווישן חורבות, קברים און באַוויינען,
אין טרויער אייביקן ביז לעצטן אָטעם, ביז מיין סוף — — —

אק־בולאק, 1944.

# ווען כ׳קום צו דיר...

— עללאַן

ווען כ׳קום צו דיר, ווערט גרינג אַזוי אויף דער נשמה,
ווי ס׳וואַלטן זיך פון איר אַראָפּגעקייקלט שטיינער.
ס׳איז אַלץ ביי דיר אין ווינקל ליב אַזוי, ווי „דאָרטן״,
ווו איצטער וואַרט אויף מיר געווים שוין קיינער, קיינער...

די קאַווע שמעקט אַרום פון היימיש־פיינע שעלכלעך
און קיכעלעך אַזעלכע ווייסינקע (פון וואַנען?...).
איך טרינק און שלינג דעם אַראָמאַט און זע זיך „דאָרטן״,
אין „איראָפּייסקע״, צי „זשעמיאַנסקע״ — ווייט פון דאַנען...

די קליידער דיינע, כאָטש נישט ניי שוין, נאָר פון „דאָרט״ נאָך.
ביסט ווי אַ סימבאָל פון אַ וועלט, וואָס איז פאַרלאָרן...
עס איז אַ קונסט צו אָפּהיטן פון היים דעם צויבער
אין לאַנגן גלות, אין די וויסטע, וויסטע יאָרן...

איך רייד מיט דיר און אַלצדינג לעבט פאַר מיר אויף ווידער,
און ס׳גלוסט זיך, ס׳זאָל וואָס לענגער דויערן, אָן ענדע...
עס ווייט פון דיר מיט יענער היימישקייט מיט ליבער,
וואָס איז געבליבן איצטער בלויז, נאָר בלויז לעגענדע...

אק־בולאק, 1944.

# צו איינער אין גלות

I

## אין מיין נשמהס נאַכט...

אין מיין נשמהס נאַכט אַ יונגע זון האָט זיך צעהעלט —
און דאָס ביסטו!
אין גרויסן עלנט מיינעם האָט אַ פויגל זיך צעטרעלט —
און דאָס ביסטו!
עס שאַלט אַ ליד, אַ מאָרגן־ליד דורך וויסטן סטעפּ, דורך פעלד --
און דאָס ביסטו!
האָט ווידער זיך צעגרינט, צעבלומט מיין חרובדיקע וועלט... —
אַלץ דו! אַלץ דו! — —

II

## אין מיין לעבנס וויסטעניש...

אין מיין לעבנס וויסטעניש ביסטו געקומען,
ווידער פריסטע יוגנט מיר געבראַכט.
ס׳טריפן דיינע פינגערלעך מיט וואַלד און בלומען,
אויגן בלויע — מיט לבנה־נאַכט.

אונטער כשוף דיינעם זעל האָט זיך צעזונגען,
אונטער כשוף דיינעם הארץ האָט זיך צעגליט.
אין מיין לעבנס ווּיסטעניש האָט ליד פאַרקלונגען,
דאָרן הפקרער אין בונטן זיך צעבליט — —

אק־בולאק. 1944.

# מײַן װײַסע בעט...

מײַן בעט, מײַן בעט, מײַן װײַסע בעט!
װי בענק איך אָפּט אַזױ נאָך דיר:
װען כ'ליג אױף דיל, צי אױף אַ ברעט,
אױף נאַרע אָדער — אונטער איר...

אין פּוסטן סטעפּ, אין קעלט פון נאַכט,
אױף שמוציק שטרױ פון „באַלאַגאַן"1)
(װען כ'האָב אין אַ קאָלכאָז פאַרבראַכט), —
געװען ביסטו מײַן חלום דאַן.

אין באַנען ענג, אױף הױכער באַנק,
געפאָרן נעכט, געפאָרן טעג...
מײַן װײַסע בעט! אין מײַן געדאַנק,
כ'זע שטענדיק דיך אין גלות־װעג...

אין „טשאַיכאַנאַ"2) בײַ גרינעם טײ,
אין שאַרפן הונגער, פרי צי שפּעט —
איך זיץ און טרוים אין צער און װײ
פון דיר, פון דיר, מײַן װײַסע בעט! — — —

אק־בולאק, 1944.

1) פעלדער־געצעלט אין קאָלכאָז.
2) טײ־הױז אין אוזבעקיסטאַן.

# אַ שטימונג

עס בלענדט מיך שוין נישט מער דער עתיד
מיט זיינע פאַרבן פון דער ווייט.
איך בין שוין איצטער נישט קיין חסיד
פון „הויכע שטערנס", קלוגע לייט...

מיין שענסטער טרוים איז איצט דער עבר:
מיין פרוי, מיין קינד, מיין ווייסע בעט,
מיין שרייב־טיש און מיין ביכער־שענקל, —
און ווידער ליד! אויפסניי פּאָעט.

אַראָפּ די וואנדער־שיך און בגדים
מיט זייער שטויב פון לאַנגן וועג.
אין היימיש ווינקל וועלן אויפגיין
צוריק די שענסטע עבר־טעג — —

אק־בולאק, 1943

# דריי מיליאָן...*)

דריי מיליאָן ברידער ווי קדושים געפאַלן פון מערדערשער האַנט
(דערין אויך מסתמא מיין מאַמע, מיין פרוי און מיין קינד).
געשען איז עס דאָרטן אויף מערב, אין פוילן דעם חרובן לאַנד.
געזען האָבן הימל און ערד און עס זעט נאָך די וועלט אויך אַצינד.

דריי מיליאָן ברידער דורך גאַז און דורך פייער, דורך קויל
און דורך שווערד.
פון אונטער די געטאָ-רואינען עס שרייט נאָך דאָס שטראָמיקע
בלוט.
עס הערט די יללה דער הימל, עס הערט די יללה די ערד.
נאָר ס׳קומט נישט, נאָך קומט נישט פאַר שכורן תליון די
שטראָפיקע רוט.

פאָלק פון אבלים אויף ערד-קויל צעזייט אומעטום און צעשפּרייט!
אין יידישע פענסטער נשמה-ליכט טרויערן, וויינען אין וועלט.
נאָר שטורעם די אבלשע שלוכצן און טרערן אָן עכאָ פאַרוויַיט,
זיי ווערן אין חלל פאַרשטומט און פאַרגליווערט אין פראָסט
און אין קעלט.

אק-בולאַק, 1944.

---

*) אנהויב 1944 איז מען פונדערווייטנס געווען אַזוי „סקעפּטיש", אַז אַפילו אין דריי מיליאָן האָט זיך נישט געגלויבט... כאָטש וואָס ווייטער האָט זיך די ציפער ראָש דערטענטערט צו די 6 מיליאָן...

# מיין פאָלק ישראל

מיין פאָלק ישראל! שעיר לעזאזל פון די אַלע פעלקער!
דו האָסט אין גורלדיקער שעה געשלאָגן איצטער דעם רעקאָרד:
ס'האָט קיינעם נישט ווי דיר געקאָסט אַזויפיל בלוט, אַזויפיל טרערן
אין דעם שגעונדיקן וויכער פונעם אומקום און פון מאָרד.

דו האָסט געזונגען רואיק זיך דאָס ליד פון „אתה בחרתנו"
און שפעדיק געטיילט דער ברייטער וועלט די פרוכט פון דיין זשעני.
האָסט אומעטום געווירקט, געוועקט; האָסט אומעטום געבויט,
געשאַפן;
האָסט אומעטום געוואָרפן ברייט און פזרנדיק דיין פליים, דיין מי.

איצט מעגסטו ווידער זינגען זיך דיין שירה: אתה בחרתנו...
יאָ, יאָ, ביסט אויסדערוויילט צו זיין דער קרבן פון
דער וועלט, פון כלל...
עס האָט דער תליון אין זיין טעמפּער, קאַלטער, שכורער אכזריות
אויף דיר אַליין כמעט נאָר אויסגעגאָסן ס'גאַנצע גיפט און גאַל.

ר'האָט גאַנצע דורות דיינע אָפּגעמעקט אָן זכר פאַר די עולמות,
אין רעש און בראַנד פון געטאָס אָפּגעווישט איז לעבן און געצעלט.
מיין פאָלק ישראל! ווער זשע וועט אין יום-הדין דיין עוולה מאָנען?
מיט וואָס זשע וועט מען קאָנען דיך באַלוינען, קרבן פון
דער וועלט?...

אק־בולאק, 1944.

# ניטא קיין מאַמע...

ניטא קיין מאַמע, ניטא קיין שוועסטער,
ניטא קיין פרוי און ניטא קיין קינד...
ניטא קיין פריינט און ניטא קיין גואל —
עלנט, עלנט ווי דער ווינט!

ניטא קיין היים, קיין וואַרים ווינקל,
אין דער גרויסער וועלט אַליין!
ווו זשע ווייגט מען אוים דעם טרויער
ניטא קיין קבר, ניטא קיין שטיין — — — —

אס־בולאַק, 1944

# וואָס איז געבליבן...

וואָס איז געבליבן מיר אין לעבן?
נאָר „איכה”, יזכור און נישט מער...
וואָס קאָן מיר שוין די וועלט איצט געבן,
ווען אַלץ איז חרוב, אַלץ איז לער...

ווען היים אַוועק מיט רויך און פייער
און אָפּגעווישט דורך מאָרד און רויב;
ווען אַלץ, וואָס הייליק און וואָס טייער,
געוואָרן אַש, געוואָרן שטויב...

אַליין, אַליין אַצינד געבליבן
אין גרויסער עלנטקייט פון וועלט...
איצט וועמען האַסן? וועמען ליבן?
אַלץ ווייט מיט פרעמדקייט און מיט קעלט — — —

אָק־בולאַק. 1944

# צו דייטשלאַנד

ניטאָ קיין האַקנקרייץ קיין שוואַרצער —
ק י י ן - צ יי כ ן  איז דיין הערב!
קין-צייכן אויף געמעכער דיינע,
קין-צייכן אויפן שטערן
פון איעדן דייטש!

מען וועט אין צענטן דור אַ בירגער דיינעם מיידן,
זיך אָפּקערן פון אים מיט גרויל,
מיט עקל
און מיט שפּאָט:
— אָט גייט די חיה דאָ בצורת מענטש,
וואָס איינגעטונקט אין בלוט פון קליינע קינדער...
מען שפּירט פון אים נאָך ס׳בלוט. —
פון אים אַליין,
פון זיינע קליידער,
פון זיין לייב און לעבן!
אַזוי פיל בלוט — עס ווערט נישט אויסגעוועפּט
דורך דורי דורות!

ס'וועט איבלען גאָר דער וועלט
און גרוילן
פון אָט די קינס
אַזש אויף אייביק, אייביק...

דייטשלאַנד!
עס מעגן שפּעטער קומען די חכמים דיינע,
מיט די שטערנס הויכע,
באַברילט, פאַרמוחט —
געוועזענע דערפינדער
פון די אַלע מינים ט ו י ט - פ אַ ב ר י ק ן ... —
און נעמען שרייבן נייע „תורות"
און „טראַקטאַטן" בייכיקע,
פול מיט וויסן,
פול מיט חכמה, חריפות —
אַלץ לשם קולטור,
ציוויליזאַציע
און פּראָגרעס — —
און אפשר, אין אַ שעת-הכושר,
רייבנדיק די חכמה-פּליכעס,
אויסטראַכטן אַ גאַז אַזאַ —
מיט מאַרקע „אַללפערניכטונג" —
אויף אויסצוראָטן אין איין טאָג
די גאַנצע וועלט,
די פעלקער אַלע נאָנט און ווייט
— אַזש ביזן לעצטן מענטשלעך וועזן —
דייטשיש און פרעציז...

אחוץ, פאַרשטייט זיך, נאָר איין איינציק פאָלק —
די „העכסטע ראַסע” פון דער מענטשהייט:
דייטשן! — — —
נאָר זיי מסוגל זענען צו פאַרבלייבן
בירגער פון פלאַנעט, וואָס רופט זיך ע ר ד ...

ניין, איר דייטשישע חכמים ונבונים!
ס'איז אומזיסט די מי.
עס וועלן נישט קיין טויזנט פלאַמען אויסברענען,
קיין טויזנט וואַסערן אָפּוואַשן
דעם פלעק דעם בלוטיקן
פון אייער פינסטערן געוויסן!
(יאָ, סיידן אפשר נאָר דער זייף —
„מייד אין דזשערמעני”, —
וואָס איר,
די „פּראָמינענטע” כעמיקער,
האָט פּראָדוצירט פון יידן־פעטס...).

אָ ניין, אָ ניין,
איר וועט מיט קיין זאַך נישט פאַרטושן
און נישט אָפּמעקן
דעם קין־צייכן וויט אין דורות!
טיף איינגעקריצט איז ער אויף דייטשע שטערנס.
און פלאַטערן וועט ער, דער קין־צייכן —
אייער הערבו! —
רויט ווי גיהנום־פלאַם,
אויף לייוונטן,
אויף טעפּיכער

פון אַלע פֿענסטער אייערע,
פון באַלקאָנען,
פון פֿאַסאַדן,
אַבעליסקן —
אין יום־טובים,
אין פּאַראַדן —
תמיד!

דייטשלאַנד!
נישט קיין האַקנקרייץ קיין שוואַרצער —
קין־צייכן איז דיין הערב!
קין־צייכן „איבער אַלעס"...

אַק־בולאַק, 1944

# קאראנטין!

איירָאפּע!
נעם צוים אַרום מיט דראָט מיט שטעכיקן
דעם טמאדיקן ווינקל פון דיין קאָנטינענט,
וואָס רופט זיך „דייטשלאַנד".
ס'איז אַלץ דאָרט טמא,
אַלץ דאָרט אומריין —
ס'גאַנצע פאָלק!
דאָס גאַנצע פאָלק איז איינגעטונקט אין בלוט —
אין הבל־בלוט פון גאַנצענע מיליאָנען! — — —

איירָאפּע!
נעם צוים אַרום דעם טמאדיקן ווינקל!
נישט  ג ע ט א  (דייטשישער פּאַטענט!...) —
נאָר קאַראַנטין!
קאראנטין אויף לאַנגע דורות!
עס מוז דאָס טמאדיקע פאָלק געלייטערט ווערן
פון זינד,
פון בלוט,
פון געטאָס,
קרעמאַטאָריעס,
פון רציחה־אָרגיעס — — —

— אייראָפּע!
קאַראַנטין!
עס מוז דאָס טמאדיקע פאָלק דערפילן
דעם מהות פון מ אַ י ד א נ ע ק ,
פון ט ר ע ב ל י נ ק ע : —
דייטשלאַנדס לעצטע ווערק!... —
דער קבר פונעם ייד
(פּרעמירטער קרבן!...),
פון סלאַוו,
פון פלעמער,
פון פראַנצויז,
פון דענער,
פון נאָרוועגער
און פון גריך.
עס מוז דאָס טמאדיקע פאָלק אַליין דערשפּירן
פון גאַזן-קאַמערן דעם סם,
דעם רויך פון אָט די אַלע טייוול-אויוונס,
דעם טשאַד פון ברענענדיקע מענטשן-גופים...
און ס'מוז דער טשאַד אַריינדרינגען
אין יעדן דייטשן בירגער
און איבלען אים ביז גרינער גאַל,
און גריזשען אים,
און נאָגן אים דאָס האַרץ און די נשמה
עד אין סוף — — — —
און יעדער דייטשער בירגער מוז דערזען:
די מאַסן-ראָוון,
בערג פון ביינער,
בערג פון שאַרבנס,

קופּעס אַש,
די קופּעס מענטשיש אַש — —
ער מוז דערזען:
די מאַגאַזינען שוכוואַרג,
בגדים,
פרויען־האָר
און קינדער־שפּילצייג
ביי די אַלע טויט־פאַבריקן!
ער מוז דערזען —
אין נעכט אָן רו, אין נעכט אָן שלאָף,
אפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן: —
דעם גאַנג פון מחנות, מחנות, מחנות
צום לעצטן וועג — — —

און יעדער דייטשער בירגער מוז פאַרנעמען:
לעצטן גרויל פון זקנים,
לעצטן רוף פון קינדער,
לעצט געוויין פון מאַמעס...
און דאָס מוז אים באַגלייטן
אומעטום!
אויף יעדן שפּאַן,
אויף יעדן טריט,
אין אַלע זיינע ד׳ אמות.
און אַלע די יללות מוזן לעבערן כסדר
זיין האַרץ און זיין געהירן
ביי טאָג, ביי נאַכט,
ביז תמיד און ביז אייביק.
ביז אויסגעלאָשן ווערן וועט

די פוסטע גאווה פון דער „אויבער־ראַסע",
פון דעם „הערן־פאָלק"...
ביז אויסגעוואָרצלט ווערן וועט
די חיה אינעם ל ע צ ט ן דייטש!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אייראָפּע!
אָן וואַקלעניש, אָן פּשרות!
פעלז — דער ווילן,
שטאָל — דאָס הארץ,
די האַנדלונג — דרייסט!
אין רחמים!
אין רחמים פאַר די שעפער פון מאידאנעק און טרעבלינקע!
קאַראַנטין!
קאַראַנטין אויף לאַנגע, לאַנגע דורות!

אק־בולאק, 1944

# נישטאָ פאַר דיר...

נישטאָ פאַר דיר קיין תשובה גאָר, דו דייטשע אַריער־אומה,
נישט היינט און נישט אין ווייטע קומענדיקע טעג.
אין דער משפחה פון די פעלקער וועסטו תמיד בלייבן
ווי טומאה פינצטערע און ווי אַ שוואַרצער פלעק.

נישטאָ פאַר אייך קיין לייטערונג, נישטאָ פאַר אייך קיין תקומה,
איר שעפער פונעם מ אַ ס ן ־ ט ו י ט און ראַסן־סם!
מיליאָנען קדושים האָבן אייך אין לעצטן קראַמף פאַרשאָלטן,
און רוישן רוישט אין אייביקייט פון בלוט דער ים — — —

# איצט ווייס איך שוין...

איצט ווייס איך שוין אויף זיכער: כ'האָב נישט ד אָ ר ט ן
קיינעם, קיינעם.
עס איז שוין מער מיין היים נישטאָ. געבליבן איצט אַליין.
עס האָבן די תלינים ברוינע אומגעבראַכט ביז איינעם
און נישט געלאָזט קיין זכר גאָר, קיין סימן נישט, קיין שטיין...

איך ווייס אפילו נישט, ווו ס'איז דער קבר פון מיין מאַמען,
ווו ס'רוט מיין שוועסטער, ווו עס רוט מיין פרוי, מיין איינציק
קינד.
צי אפשר זענען זיי אַדורך טרעבלינקער גיהנום-פלאַמען
און זייער אַש צעזייט, פאַרטראָגן האָט אַ הפקר-ווינט?...

איצט ווייס איך שוין אויף זיכער: ס'איז נישטאָ שוין ד אָ ר ט ן
קיינער,
און פוסט געוואָרן איז פאַר מיר די גאַנצע וועלט אַרום...
עס איז געווען אַ חלום אַזאַ ליכטיקער, אַ שיינער —
איצט ווו דו קערסט זיך — חורבות, חורבות, חורבות
אומעטום — — —

אק־בולאק, 1945.

# דו בלייבסט נאָר אַ חלום...

דו בלייבסט נאָר אַ חלום, אַ לויטערער חלום,
מיין היים, וואָס געווען און נישטאָ...
וווהין כ׳זאָל נישט בלאָנקען, וווהין כ׳זאָל נישט וואָגלען —
פאָראויס פליט אַ פינצטערע קראָ.

זי שרייט און זי קראַקעט און זאָגט אָן די בשורה,
אַז אומעטום חושך און לער...
איך זוך דיך אומזיסט צווישן חורבות און קברים —
דו בלייבסט נאָר אַ חלום, נישט מער...

אק־בולאק, 1945.

# שוין נאָנט...

שוין נאָנט׳ איז דער טאָג פון נקמה,
שוין נאָנט איז די הייליקע שעה.
עס גרוילט שוין דעם תליון דער פחד:
קיין מקלט פאַר אים גאָר נישטאָ!

שוין נאָנט׳ איז דער טאָג פון נקמה,
שוין גרייט איז דער גרויזאַמער לוין...
עס וואַרט שוין אויף מענטש די נחמה,
פאַר קדושים — אַ גאָלדענע קרוין...

אק־בולאק, 1945.

# תלינים ברוינע...

תלינים ברוינע אַלערליי,
געשטאָפּאָ און „עס-עס"!
געדענקט, עס קומט דער טאָג,
עס קומט דער גרויסער נס!

פאַר פּיין, פאַר שפּאָט, פאַר גרויל,
פאַר ימים טרערן, בלוט —
נ ק מ ה וואָרט אויף אייך,
די שטראָפנדיקע רוט!...

אק-בולאק, 1945.

# פאַר אַלע געשאָכטענע מאַמעס...

פאַר אַלע געשאָכטענע מאַמעס
מיט אומקום באַצאָלט איר אַצינד.
עס וועלן נאָך אייך אויך נישט וואָיען
אַפילו קיין הפקרע הינט...

פאַר אַלע געשאָכטענע מאַמעס —
די פּערל פון מענטשלעכער קרוין —
איז תליה פאַר אייך אויך אַ חסד,
איז תליה דער ווינציקסטער לוין...

אר־בולאַק, 1945.

# אין די
# אָרענבורגער סטעפּעס

# אין די אָרענבורגער סטעפּעס

(פּ אָ ע מ ע)

צווישן אוראַלישע סטעפּעס,
דאָרט, ווו עס פליסט דער אילעק —
ליגט ברייט צעוואָרפן אַ ישוב,
ליגט זיך צעשפּרייט אינעם העק.

ס'האָט צו דערציילן די געגנט
מעשיות פון גאָר אַלטער צייט;
מעשיות פון בונט און מרידה
איבער די סטעפּעס העט ווייט.

צייטן פון יעקאַטערינאַ,
פון פּוגאַטשאָוו און קירגיז.
ס'האָט זיך דער סטעפּ-מענטש פאַרמאָסטן
קעגן דער צאַרינטעס שפּיז...

ס'האָבן דאָס פייער פאַרלאָשן
פאָלקן פון מאָסקווע, קאַזאַן...
לאַנג'שוין, ס'איז לאַנג דאָס געוועזן,
ס'וואַקסט פונעם בלוט דער בוריאַן...

— — — — — — — — — — — — — — —

גרויע די סטעפּעס. בוריאַן נאָר.
ס'זעט זיך קיין ביימל אויף זיי.
גרוי אויך און דאַרפיש די גאַסן.
ווייסע קיביטקעס אין ריי.

ס'הייבט זיך איין איינציקער טורעם
דאַרטן צום הימל אַרויף:
דער עלעוואַטאָר דער גרויער
האַרט ביי דעם צוגן-געלויף.

שטייען דאָרט תמיד בעסטאַרקעס,
וואַרטן מיט תבואות ביים צוים.
ס'דרימלען די אָקסן געשפּאַנטע,
קייענדיק לאַנגזאַם מיט שוים.

קיראָוואַ-גאַס. ס'איז די הויפּט-גאַס.
„ראַיאַיספּאָלקאָם" און „סעלפּאָ".
קינאָ, און פּאָסט, און „סטאָלוּווקע"
(כאַפּט מען אַ „בראַגע" אויך דאָ).

רוישט אויך אַ מיל. אַ „ציגעלניע".
סטאַרטשעט אַ קוימען אין לופט.
הילכט עלעוואַטאָר-סירענע:
בירגער צו אַרבעטן רופט.

ס'פליען אַדורך דאַרטן צוגן,
ברענגען אַ גרוס פון דער וועלט:
„מאָסקווע — טאַשקענט — אַלמאַ-אַטאַ" —
נאָר אויף אַ ווייל זיך געשטעלט.

פליען באַלד ווייטער אין סטעפּעס,
לאָזן נאָר בענקען און רויך — — —
קייקלען די טעג זיך און יאָרן,
קייקלט זיך זון אין דער הויך.

---

ווינטערס פון פרעסט און בוראַנען.
פעסטונגען גאַנצע פון שניי.
געסלעך, קיביטקעס פאַרשאָטן,
ממש קיין צוטריט צו זיי.

ס׳יאָגט פון די אָפענע סטעפּעס
פונקט ווי די רוחות דער ווינט;
וואָיעט אַזוי ווי אַ טשאַטע
ווילדע, משוגענע הינט.

ראַנגלען אין געסלעך זיך מענטשן:
ווייסע, פאַרווייעט, פאַרהילט.
קוים וואָס מען קומט צו אַ קליאַמקע,
שיער נישט דאָס חיות פאַרשפּילט.

ווערן אַנטשוויגן די ווינטן,
גליט נאָר אַ פראָסט און ער ברענט.
בלוי איז דער עטער, דער הימל.
טוט אויך די זון ווען אַ בלענד.

שפּאַנט מען אין וואַליקעס הויכע,
פּוטערנע היטלען אויף קעפּ.
שליטלעך געשפּאַנטע אין אָקסן
קריכן פּאַמעלעך פון סטעפּ.

שליטלעך מיט אייזערנע פעסער —
פלעקן אויף שניי־ווייסן פּאָן, —
שלעפּן זיך צו „נעפּטאָבאַזאַ",
נעמען „גאָריוטשעיע" אָן.

ס'קומען אָן רוסן, קאַזאַכן,
ס'ציט אַלץ אַהין, צום באַזאַר.
פלעכטן זיך קולות אין קולות,
מסחרט מען, אויב — „אַכשאַ באַר"...

קויפן קאַזאַכן דאָס בעסטע,
וואָס נאָר פאַראַן אויף דער וועלט:
טיי! נאָר „ציילאָנסקי", „אינדיסקי"... —
גיבן פאַר טיי אָפּ דאָס געלט.

עסן — דאָס איז נאָר אַ טפל,
טרינקען — דער עיקר ביי זיי.
גאַנצענע טעג אויף די קילימס
זיצט מען ביי „פּיאַלקעס", ביי טיי.

מסחרט מען נאָדלען, קאַרטאָפל,
קעמלעך געדיכטע און קרויט.
קויפט מען קאַזאַכישע פעלצלעך,
קויפט מען קאַלכאָזישן ברויט.

וואַליקעס, סאָדע און קנעפּלעך,
שוועבעלעך און סאַכאַרין,
צייטונגען צו „סאַמאָסיִיקע",
זאָקן אי געלע, אי גרין.

כאַפּט מען זיך צו צו דעם בלינדן
מיט די צעפּאַטלטע האָר.
ר'טאַפּט אין אַ בוך מיט די פינגער,
זאָגט ער דעם מזל באַלד פאָר...

כאַפּט מען זיך אויך צו צום זקן,
וואָס מיט די קאָרטן ביים זייט.
פרעגט מען אויף זין און אויף מאַנען:
שרייבן קיין בריוו שוין אַ צייט...

וואַרפט ער די קאָרטן, דער זקן,
פּרוווט ער פאַר יעדער דאָס גליק.
ווען עס שמייכלט טויז קאָראָ,
ווען עס נאַרט מלכה פּיק.

ווען עס ווייזט „דאָס קאַזיאָנני" —
איז עס אַפּנים שפּיטאָל...
ע ר איז מסתמא פאַרוווּנדעט,
קאָן ער נאָך קומען אַמאָל...

וואַקסט אַרום זקן דאָס רעדל,
ווייזט זיך אין אויגן אַ טרער...
ווען אַ האָפענונג העלע,
ווען אַ שטיין דריקט נאָר שווער...

זווייזן זיך אויך די „ראַדאַקעס"
אינעם געררויש פון יאַריד:
פויזנער פּאַליאַקן, צי לאָמזשער
אָדער אַ וואַרשעווער ייד.

ברענגען אַהער צו פאַרקויפן
פונעם קאַלכאָז „טרודאָדני":
ווייץ און „פשענאַ", צי אָטכאָדן" —
פּרוכט פון דער פּראַצע און מי.

טרעפט אויך, חוץ כשרער פּראַצע,
מאַכט ווער אַ „לינקן" געשעפט:
ס'האָט זיך צו אים אינעם וואָגן
אַן איבעריק זעקל באַהעפט...

„דאַרף מען דאָך לעבן" — ער טענהט —
„מ'דאַרף דאָך אַ מלבוש און שיך.
„וואָליקעס, העמד און פּופּייקע. —
„ס'פליקט אין קאָלכאָז זיך אַלץ גיך"

זעען זיך אַלע ראַדאַקעס",
פרעגט מען זיך: „ווען זשע, אַך ווען?
„ווען זשע אַ סוף נעמט צום גלות?
„ווען זשע די היים ווערט מען זען?"...

פרעגט מען זיך אויף דער „פּלאַצווקאַ":
ס'ליגן מלבושים פּאַר זיי:
קריגט מען דאָרט גרינע קאָסטיומען —
אַלע איין גרינע אַרמיי...

קורצע מונדירלעך און שמאָלע —
ענגלאַנדס געשאַנק און געשמאַק...
זעט מען אַ „גרינעס" שפּאַצירן,
ווייס מען שוין: „עטאָ פּאָליאַק!"...

ווערט מען געוווּיר, אַז נישט איינער
האָט שוין אַ ווייב אין קאָלכאָז.
(נעבעך, קאָלכאָזישע ווייבער:
ס'ווערט דאָך אַ פּאָליאַק אַ האָז...).

דרייען זיך אויך אויפן באַזאַר
היגע „פּאָליאַקן" לרוב:
פּאָליע מיט „שמאָכטעס" פאַרהאַנגען,
ליובע — מיט בלוזעס און שטאָף.

בייניש דער לאָדזשער מיט שטיוול —
הענגען אויף אַקסל ביי אים.
חנה פון קאָליש דרייט אום זיך
מיט אַ קאָלירטן קילים.

מאַקסל פון זאַמאָשטש, ער שמעיהט. —
ביטער, ער האָט היינט אַ קראַך:
אָנגעקויפט האָט ער „גרוזינסקי" —
שמעקט עס נישט קיין שום קאַזאַך...

„שמואליק מלמד" איז אויך דאָ —
קרוע ובלויה און דאַר!
שומר געווען שוין און פּאַסטוך;
איצט לעבט ער נאָר פון באַזאַר.

טראָגט ער אַרום זיך מיט הערינג,
וויל עס פּאַרטוישן אויף ברויט...
טאַפּט מען די „ריבאַ" — פּאַרדאַרט שוין,
שטייען שוין אָפּ פון דער הויט...

„גרויטשיקעס" פון עלעוואַטאָר —
יונגען געזונט און צעבליט! —
כאַפּן אויך זונטיק אַ מסחר
אויף אַק-בולאַקער יאַריד:

גדליה פון באַלוט פּאַרשאַכערט
הויזן פון בעסערן מין;
זרח פּאַרקויפט האַלבע זוילן
און אַן „אָטרעז" קרעפּ-דע-שין.

זעליק דער שאָפער איז אויך דאָ —
טראָגט ער אַן אוצר אין טאַש:
עכטע „מאָסקאָווסקאַ" פּאַרחתמעט!
ס'פעלט נישט קיין בעלן אויף יי"ש...

דרייען זיך אום די „ראָדאַקעס"
אינעם גערויש פון יאַריד:
פּויזנער פּאָליאַקן, צי לאָמזשער
אָדער אַ וואַרשעווער ייד...

---

קומען פון מאַרק די „כאַזײַקעס",
נעמט מען צום אויוון זיך דאַן;
קאָכט מען אַ „שטשי", „פּילימענעס"
(אויב נאָר אויך פלייש איז פאַראַן).

קאָכט מען אויף „פּערוואָיע" תמיד
לאַנגן „לאַפּשאַ", צי „פּשענאָ",
און אַ „ווטאָראָיע" פון בלינעס
אין אַ דערהויבענער שעה...

קומט אָן דער אָוונט דער לאַנגער,
מ'צינדט די „קאָפּטילקע" דאַן אָן;
קלויבט מען זיך ביי דער „גאַלאַנקע",
נעמט מען זיך עפּעס וואָס טאָן.

שטיל איז אין כאַטע און וואַרים,
ס'וואָיעט אין קוימען דער ווינט.
ס'טרוימט הינטער גלאָז אינעם ווינקל
הייליקע מאַמע און קינד.

ליזע שפּינט ראַש אויפן רעדל,
שוראַ שטריקט זאָקן פון וואָל.
רעדט מען פון פראָנט און פון מאַנען,
רעדט מען פון גוטן אַ מאָל . . .

רעדט מען פון צייטן פון גוטע,
ווייץ איז געשטאַנען אין זעק;
גענדז, און חזירים, און שעפּסן,
ווייס-ברויט, און צוקער, און שפּעק.

מילך פלעגט מען טרינקען ווי וואסער —
ווער׳האָט די „סטאַנציע״ געקענט?
קליידער און שיך פלעגט מען ברענגען
אַזש פונעם וויטן טאַשקענט.

אָרענבורג האָט נישט פאַרמאָגט דאָך
קיינמאָל קיין פּאַסיקן שטאָף...
רעדט מען אַזוי גאַנצע שעהן,
רעדט מען אַזוי אָן אַ סוף.

זיפצט מען אויף צרות, אויף דלות,
פינצטערער דלות אָן ברעג...
לאַטעם אויף לאַטעם. אַלץ פליקט זיך.
לאַטעסט נאָר גאַנצענע טעג.

קינדערלעך דריי, אָבער שיכלעך
איז נאָר פאַראַן קוים איין פּאָר...
גאָט! ווען קאָן עקן דער קריג זיך?
ס׳ציט זיך אַ יאָר נאָך אַ יאָר!

רעכנט מען אוים ווער געפאַלן,
ווער אָן אַ שפור זינט אַ יאָר.
רעדט מען, אַז וואַליאַ און גרוניאַ
האָבן שוין אַנדערע גאָר.

רעדט מען, אַז זאָיאַ דעם מילנערס
(וווינט נעבן אונדז טאַקע נאָנט)
טראָגט שוין פון עמיצן אַנדערש...
(ס׳לעבט נאָך איר מאַן אויפן פראָנט).

רעדט מען אַזוי אויף „גאַלאַנקע",
קלעפּן די אויגן זיך צו.
קומט אָן דער קאַלטער באַגינען.
צייט שוין צו מעלקן די קו.

---

קומט אָן דער פרילינג — מיט רידלען
גייט מען אין סטעפּ דאָן אַוועק.
מ'גרייט די „באַכטשאַ" צו און גאָרטן.
פּראַצע אויף גאַנצענע טעג.

שפּעטער די „גאָלדענע" אַרבעט:
מ'נעמט זיך צו מאַכן „קיזיאַק".
הייצן מען מוז דאָך. דער ווינטער
לאַנג איז דאָך אין אַק-בולאַק.

---

זומערס מיט גליענדע זאַמדן.
ס'אָטעמען סטעפּעס מיט היץ.
שמאַכטן נאָך וואָלקנס און רעגן,
גאַרן נאָך דונער און בליץ.

ליגן „כאַזייקעס" אין גאָרטן
האָרט ביי דעם קלאָרן אילעק.
גיסט מען מיט עמערס אויף בייטן,
גיסט מען דאָרט גאַנצענע טעג.

זעט מען דאָרט רוסישע ווייבער,
זעט מען קאַזאַכקעס מיט צעפּ.
קלינגען אין חלל ניגונים,
זינגט דער צעוואָרימטער סטעפּ.

אוגערקעס רייפן, קאַרטאָפל.
רייפט די „באַכטשאַ" אויך לסוף.
ווייזן זיך קאַוואַנעס, דיניעס —
גאַנצענע קופּעס לרוב.

אַלץ האָט דערוואַרט די „באַכטשאַ" דאָך,
אַלץ האָט געגאַרט די מינוט, —
שעכט מען די בייכיקע פּירות,
זאַפטיקע, רויטע ווי בלוט.

פול אונטער בעטן די פּירות,
פול איז אַ איטלעכע שטוב.
דאַרפן „כאַזייַקעס" נישט הייצן,
שפּאָרט מען איין קאָכן אַ זופּ.

ברויט מיט „קאַווּן" — ס'איז אַ מאכל!
זופּט מען מיט דורשט און מען קייט.
קייט מען אין כאַטעס, אין סטעפּעס.
ס'איז איצט די גאָלדענע צייט.

גייט מען צו שכנים אויף כיבוד,
רויטלט זיך טיש אומעטום:
דיניעס צעפּאַלמעסטע בייכער,
קוויקן די געסט זיך אַרום.

ליזע איז גאַסט היינט ביי זאַיאַן,
מאָרגן וועט זיין עס פאַרקערט.
ווערן אַזוי די „קאַווּנעס"
ביסלעכווייז אַלע פאַרצערט.

---

זומער־פֿאַרנאַכטן פֿאַרבענקטע.
קומען די מענטשן צום באַן.
פֿול ביי דער „סטאַנציע". עס ווימלט.
ווער איז דען דאָ נישט פֿאַראַן?

יוגנט שפּאַצירט אַק־בולאַקער.
מיידלעך געזונטע און פֿריש.
קומט אָן דער צוג דער טאַשקענטער,
קויפֿט מען אַן עפּל, קיש־מיש.

כאַפּט מען אַ מסחר, ווער ס'קאָן נאָר:
העמדער, פּופּייקעס, צי שיך.
ס'גייען אַראָפּ פּאַסאַזשירן
טון אַ פֿאַרקויף אין דער גיך...

נישטערן ברוינע קאַזאַכקעס,
זוכן און מורמלען: „טשאַי באַר?"
קויפֿט מען, פֿאַרקויפֿט מען אין טומל,
כאַפּט מען אַריין אין געשפּאַר.

מסחרט מען אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך:
לעדער, און גאַרן, און זייף.
קויפֿט מען, פֿאַרקויפֿט מען בשתיקה:
(ס'ווילט זיך נישט ווערן דאָך טרייף...)

— שנעלער! פֿראַשו... אַ סיגנאַל באַלד.
— „דיעלאָם!... אַ העלפֿט איז אויף פֿיין"...
— צייל זשע...
און מסחר געמאַכט איז,
פֿאָרער אין צוג שפּרינגט אַריין.

זומער־פאַרנאַכטן פאַרשטויבטע.
ס'קומען פון סטעפּ אַן די קי.
יוסטע, באַלאָדן מיט אייטערס,
זאַטע, געפּאַשעט פון פרי.

קומען אין טונקעלע שטאַלן,
כאַפּן אַ דרימל אין זיי, —
ביזן צעגרויטן באַגינעז,
אַזש ביזן הענערשן קריי.

זיצן „כאַזייַקעס" אויף קלעצלעך,
מעלקן אין עמערס אַריין.
טראָגן די מילך אויפן באַזאַר —
וועט אַ פּופּייקע אויך זיין.

---

אָוונטן זומערדיק־העלע.
ס'שווימט די לבנה אין בלוי.
בלויקייט אויף גאַסן און סטעפּעס.
ציט עס און ס'בענקט זיך אַזוי...

ציט עס צום „סאַדיק", לעם „סטאַנציע",
שפּילט דאָרטן אַ פּאַטעפאָן:
אַלטע, פאַרקלונגענע טאַנגאָס,
ענגלישער וואַלס און באָסטאָן.

ציען די בענקענדע קלאַנגען,
ציט די פאַרבענקטע מוזיק —
פּונקט ווי פאַרלוירענע פריידן,
פּונקט ווי פאַרלוירענעם גליק...

פול איז מיט יוגנט דער „סאַדיק",
אַלע דאָ היימיש, באַקאַנט.
טאַנצן דאָ מיידלעך מיט מיידלעך:
בחורים לאַנג אויפן פראָנט.

ס'קומען דאָ נאָר אינוואַלידן,
אָדער „פּאַצאַנעס" — צו קליין...
טאַנצן נאָר מיידלעך מיט מיידלעך,
מיידלעך צעבליטע און שיין.

זיצן אויך פּאָרלעך אין טונקל,
וועבט זיך אַ צערטלעך גערייד.
וועקן זיך הערצער נשמות,
וועקט זיך אַ קוואַליקע פרייד...

שווימט די לבנה פון אויבן,
שמייכלט זי שטום און געהיים.
שפּעט ווערט. מוזיק ווערט אַנטשוויגן.
צייט איז צו גיין שוין אַהיים.

---

קומט מען אויך אָפט צו דער „סטאַנציע",
ווימלט עס פון מיליטער.
ס'שטייען דאָ וויאָרסטיקע צוגן,
לאַנגע, באַלאָדענע שווער.

ריזיקע, שווערע האַרמאַטן,
סטאַרטשען די העלדזער פון שטאָל.
פליגל פון עראָפּלאַנען,
קאַסטנס מיט קוילן אָן צאָל.

גרוי־גרינע טאַנקן מיט לופעס,
גלייך ווי צום אָנגריף שוין גרייט...
רייסט זיך פון ליפּן אַ ברכה:
„טראָגט פאַר תּלינים דעם טויט" — — —

פולע, געפּאַקטע „טעפּליושקעס".
פנימער — פאַרבן אַ סך:
רוס, און קירגיז, און טורקמענער,
ייד, און אוזבעק, און קאַזאַך.

פלעכטן זיך שפּראַכן אין שפּראַכן,
פלעכט זיך אַ ליד אין אַ ליד...
„אַלץ פאַרן פראָנט!" — „פאַר נצחון!" —
„ס'טאָר נישט דאָס לאַנד ווערן מיד!" — — —

ציען זיך די עשאַלאָנען,
גייען טאָג־איין און טאָג־אויס.
ציען אַ ה י ן , צו די פראָנטן,
דאָרט צום מלחמה־געברויז...

זעט מען אויך אָפט ביי דער „סטאַנציע"
אַ סאַניטאַר־צוג פון פראָנט:
קאַליקעס, קאַליקעס יונגע.
מענטשן פון ווייט און פון נאָנט.

ס'בלאַנקען די ווייסע באַנדאַזשן,
ריידן פון גרויל און פון שרעק...
פרעגט מען זיך נאָך אויף די אַלע,
וועלכע פון דאַנען אַוועק.

גלאַנצן ביי ווייבער די אויגן,
ווישט מען בגנבה אַ טרער...
— „גאָטעניו, וועט נאָך באַשערט זיין
מיינעם צו קומען אַהער?״ — — — —

---

שיטערער ווערן די מאַנסלייט —
ס׳רופט זיי אָפּט דער „וואַיענקאָם״.
בלייבט אויף באַזאַר און אויף „סטאַנציע״
ווער נאָר ס׳איז בלינד אָדער לאָם.

אויך אין קאָלכאָזן קנאַפּ מאַנסלייט:
אַלץ איז אַוועק אין אַרמיי.
אַקערן ווייבער און זייען.
איטלעכע אַרבעט פאַר צוויי.

טרייבן זיי בריהש די אָקסן:
— היידאַ, צעבע! היידא, צאָפּ!
שלעפּן די אָקסן געדולדיק,
שאָקלען מיט אָקסישן קאָפּ.

יאָגן גאַלאָפּ זיך אויף פערדלעך
קליינע „פּאַצאַנעס״ אין פעלד.
אַרבעטן גלייך מיט די מאַמעס,
קערן שוין איבער אַ וועלט:

אַקערן, בראָנעווען אויך שוין,
רודערן ביי דעם קאַמביין.
פאָרען זיך ביי די „אַמיאָטן״
אַזש ביז די זון נעמט פאַרגיין.

זעט מען אויך ווייבער, „פּאַצאַנעס״
אינעם טראַנספּאָרט־קאַראַוואַן:
פירן „בעסטאַרקעס״ מיט תבואות
צום עלעוואַטאָר ביים באַן.

איז אויך אונדזערע „גרינע״
שפּעטער געקומען די ריי:
ווער אין „סטראָי־באַט״ איז געגאַנגען,
ווער אין קאָסציושקאָ־אַרמיי.

ווער צו זאַוואָדן צו אָרסקער,
שמידן געווער דאָרט פון שטאָל:
ווער קיין דיוואָוואָ עס לאָזט זיך —
ביז עם געשעט מיטאַמאָל:

דאָרט פון די ווילדער ריאַזאַנער
ציען פּאָליאַקן אין שלאַכט —
קעגן דעם שונא פון פעלקער,
קעגן דער פינצטערער מאַכט...

ציען בייזייט פון די העלדן —
העלדן באַשטערנטע רויט;
שניידן דורך בערג און דורך טייכן,
שניידן דורך בראַנד און דורך טויט...

ס׳וואַרט דאָך אויף אויסלייזונג וואַרשע,
ס׳וואַרטן דאָך קראָקע, לובלין...
ווערן דערוואָרגן די שלאַנג מוז
דווקא ביי זיך אין בערלין! — —

ציען אַהין אויכעט יידן —
ס׳ברענט די נקמה אין זיי!
ס׳רופן פון געטאָס די ברידער,
ס׳טראָגט זיך פון ווייט דאָס געשריי...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

טרעפט מען שוין זעלטן אַ „גרינעם"
אויף די באַזאַרן אַצינד.
זעט מען נאָר זקנים און ווייבער,
נאָר אינוואַליד אָדער קינד...

---

צווישן אוראַלישע סטעפּעס,
דאָרט, ווו עס פליסט דער אילעק —
ליגט ברייט צעוואָרפן אַ ישוב,
ליגט זיך צעשפּרייט אינעם העק.

איך האָב דאָרט אויך אינעם ישוב
זומערס און ווינטערס פאַרבראַכט.
ס׳האָבן די פינצטערע יאָרן
מיך דאָרט אין וואָגלען געבראַכט.

כ׳האָב דאָרט געטרונקען דעם אומעט,
כ׳האָב דאָרט געטרונקען דעם צער...
פלעג דאָרטן אויך גיין צו „סטאַנציע",
פלעג דאָרט אויך גיין צום באַזאַר....

פלעג דאָרטן אַפּנעמען גרוסן,
פינצטערע גרוסן און שוואַרץ...
ס׳ווערט ווי געשאָכטן מיין אומה,
ס׳ווערט ווי געקוילעט מיין האַרץ...

פלעג דאָרטן אָפּנעמען גרוסן,
גרוסן פון חרובער היים...
איז דאָרט געוואָקסן מיין טרויער
אין די קיביטקעס פון ליים.

כ׳האָב אויך פאַרבראַכט אין קאָלכאָזן,
ווייט פון ראַיאָן אָדער נאָנט.
וואָכן, חדשים אין סטעפּעס — —
ברויט פאַרן פראָנט! פאַרן פראָנט!

כ׳האָב דאָרט געסקירדעוועט תבואה,
בין אויך געווען „וואָדאָוואָז״.
נעכט אויף פּאָדלאָגעס געחלומט,
אָדער אויף שטרוי צי אויף גראָז.

כ׳האָב שוין געקענט גוט די אָקסן,
זייערע אָקסישע טריט.
„צאָפּ!״ און „צעבע!״ — זייער לשון.
זון האָט געשרפהט, געגליט.

כ׳האָב אויך, אַזוי ווי אין כנען
אונדזערע אבות אַמאָל,
רינדער געפּאַשעט אין סטעפּעס,
צווישן די „באַלקעס״, אין טאָל.

כ׳קוק צו די גרויע מדבריות,
ס׳זוכט וואָס אין סטעפּעס דער בליק.
האָט מיך צו גרייז-גרויע דורות
גורל פאַרוואָרפן צוריק? — — —

גרויע באַגינענס און קאַלטע.
זון גליט ביי טאָג און זי ברענט.
כ׳קוק לאַנג צו מערב, צו מערב —
דוכט זיך, עס שטרעקן זיך הענט...

הענט פון פאַרפייניקטע מאַמעס,
גרייכן פון מערבשער זייט...
פייניקן אָפּענע הימלען,
פייניקט פאַרשלייערטע ווייט...

יאָגט מיך צוריק צו דעם ישוב,
צו די קיביטקעס פון ליים...
יאָגט מיך דער עלנט און פייניקט
ווייט פון דער היים, פון דער היים — — —

---

פלעגט נישט איין מאָל מיין „כאַזייקע"
רעדן צו מיר מיט אַ טרייסט:
— „האָסט דאָך נישט קיינעם... דער „גערמאַן"...
„כ׳דאַרף דיר נישט זאָגן... דו ווייסט...

„נעם זשע אַ ווייב דיר אַ היגע.
„ווייבער פאַראַן דאָך דאָ פיל.
„ווייבער... „זעמליאַנקעס"... בהמות...
„בלייב דאָ... לעב רואיק און שטיל...

„צוהעלפן וועסטו דיין ווייבל,
„אויפראמען וועסט איר דעם שטאַל...
„מילך פון דער קו, היינט „פּיראָגעס"!
„מַמש אַן אייביקער באַל!...

„וועסטו נישט דאַרפן מער זאָרגן,
„וואַשן אַליין זיך אַ העמד...
„ביטער די דאָליע פון מאַנסביל
„לעבן אַליין אויף דער וועלט...

„קעכלען וועט זי דיך און האָדזן,
„ברענגען וועט זי דיר אַ קינד...
„כ'לעבן, וואָס דאַרפסטו זיך מוטשען?
כ'לעבן, עס איז גאָר אַ זינד"...

אָט אַזוי פלעגט זי מיר רעדן.
איך פלעג נאָר שווייגן פאַרטראַכט.
פלעג איך מיט אָפענע אויגן
ליגן אין סופלאָזער נאַכט.

פלעגן זיך וועבן מחשבות,
קומען פלעגט זעלטן דער שלאָף:
וואָס זשע וועט טאַקע דאָ ווערן?
וואָס זשע קאָן זיין דאָ דער סוף?...

ס'זענען דאָך אַלע געקוילעט,
חרוב דיין לעבן, דיין וועלט...
וועל איך נאָך ווידער ווו קאָנען
אויפשטעלן זיך אַ געצעלט?

אפשר געדעכט מיין „כאַזייקע"?... —
לאָך איך מיר ביטער, מיט גאַל. —
אפשר אַ „תכלית"?... אַ ווייבל?...
מיט אַ בהמה און שטאַל?...

מאַכן „קיזיאַק" איר און טראָגן
וואַסער אַ דריי מאָל אין טאָג?...
ס'לעבן איז סיי־ווי פאַרפאַלן,
סיי־ווי־סיי הפקר, אַ פּלאָג...

אויך דאָ קאָן מען עקן די יאָרן...
(ווער זשע קאָן וויסן די צייט?...).
אויך אַ בית־עולם אין סטעפּ דאָ
הינטערן ישוב, נישט ווייט...

ליגט מען דאָ — ווער אונטער צלמים,
ווער אונטער שטערן־עמבלעם.
פעלן מצבות? „פה נטמנם"?...
מילא, איז ליגט מען אָן דעם...

אַי, עס וועט קיינמאָל נישט קומען
קיינער צום בערגל אַהער?...
מילא, אויך ד אָ ר ט ן נישטאָ שוין
קיינער, קיין גואל, קיין טרער — — —

מילא, איז אוים מיט די ביכער,
אוים מיט די לידער און — שלום!
ווייטער אין גרויער פּופּייקע,
וואַרימען וואָליק אויף פּוס...

מילא... צי האָבן דען ביכער
עפּעם געהאָלפן דער וועלט?...
שעכט מען דאָך גאַנצע מיליאָנען,
ווי נאָר דעם טייוול געפעלט!...

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פלעג איך ביינאַכט אַזוי טראַכטן
אין דער קיביטקע פון ליים...
פלעג איך נאָר ווערן אַנדרימלט,
קומען פלעגט חרובע היים...

פלעג איך פרי אויפשטיין אַ בלאַסער,
בלאָנקען אין געסלעך, צו באַן.
ווידער — באַנדאַזשן, באַנדאַזשן!...
גאָט! איז אַ וועלט נאָך פאַראַן?...

---

איז דאָ פאַראַן איין קיביטקע,
שטייט אָן אַ זייט, אויף אַ ראָג.
(כ'זע זי נאָך איצט פאַר די אויגן
נישט נאָר אין טרוים, אויך ביי טאָג...).

ס'איז אַ קיביטקע אַ ווייסע,
ענלעך צו אַלע, פון ליים.
זיץ איך דאָרט אָוונטן גאַנצע,
מיין איך: איך בין אין דער היים...

ס'ווינט דאָרט אַ יונגע „פּאָליאַטשקע"
ביי אַ „כאַזייקע" אַליין.
גאַסטפריינטלעך איז זי און ליבלעך,
קום איך דאָרט אָפטער צוגיין.

זויבער דאָס קליינטשיקע שטיבל,
ס'בלאַנקען פון ווייסקייט די ווענט.
ס'ווייעט מיט היימישקייט ליבער,
ס'בלאַנקען אויך ווייבלעכע הענט...

ס'רויטלט דער טיי זיך אין גלעזער —
(דווקא אין גלעזער, אויף טיש) —
אויב נישט קיין צוקער — אוריוק דאַן,
אָדער טאַשקענטער קיש-מיש.

טראָגט זי פון היים נאָך אַ קליידל —
האָט עס נאָך פרישקייט פאַרהיט.
בליצט פון איר רינג נאָך אַ שטיינדל,
פלעמלט, מיט בענקעניש גליט...

רעדט מען, דערמאָנט מען, דערציילט מען ..
רעדט מען פון מענטשן און שטעט.
רעדט מען פון ד א ָ ר ט ן , פון ד א ָ ר ט ן
רעדט מען, דערמאָנט מען ביז שפּעט...

רעדט זי, דערמאָנט זי איר יחוס,
מאָלט אַזוי בילדלעך אַלץ אויס.
זע איך איר טאַטן, איר מאַמען,
זע איך ביים ווייסל איר הויז.

ברידער און שוועסטער — סטודענטן,
לוסטיק געררייד און געזאַנג.
בעלער, „וויעטשאַרקעס", פאַרווײַלונג.
אַלץ שוין פאַרשוווּנדענער קלאַנג!

זע איך די רחבות־חדרים.
שווערע קאַטאַרן ביי טיר.
פענצטער אין נעץ פון גאַרדינען.
כ'זע זי פאַרנאַכט ביים קלאַוויר.

ס'בלאַנדזשעט איר האַנט אויף קלאַווישן,
בלאַנדזשעט פאַרחלומט און צאַרט.
פול דער אַרום מיט נאַקטיורן,
פול מיט שאָפּען און מאָצאַרט — — —

ס'לעמפּעלע וואַרפט טריבע שאָטנס,
שטייט אויף אַ וועלט, י ע נ ע ז ײ ט ..
טויזנטער מײלן צעשיידן,
פראַנטן צעשיידן און צייט...

בענקעניש וויפיל אין אויגן,
בענקעניש וויפיל אין קול —
ווען זי דערמאַנט יענע צייטן,
ווען זי דערמאַנט דעם אַ מ אָ ל ...

כ'זע זי אין רויש פון קאַפעען,
כ'זע זי צעווישן מוזיק.
כ'זע זי אין טאַנגאָס, אין וואַלסן,
כ'זע איר פאַרשיכורטן בליק...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָפּגעמעקט ווערט יעדע גרעניץ
צווישן  אַ מ אָ ל  און דעם  ה יי נ ט —
דוכט זיך: מיר זענען דאָך נאָנטע,
מערער נאָך, מערער ווי פריינט...

כ'קען זי נישט נאָר דורכן צופאַל,
נישט נאָר פון וואַנדערער־וועג.
כ'קען זי פון לאַנג שוין, פון לאַנג שוין,
כ'קען זי פון גליקלעכע טעג — — —

קום איך צוגיין יעדן אָוונט,
קום איך צוגיין יעדן טאָג.
קום איך צוגיין אין קיביטקע
דאָרטן אין געסל ביים ראָג.

גרים איך: — „גוט נ'אָוונט דיר, וואַרשע!"
גרים איך: — „גוט נ'אָוונט דיר, היים!"
„ס'ציט מיך דיין ווייסע קיביטקע,
„ס'ציט דיין קיביטקע פון ליים"...

שמייכלט זי צאַרט און צופרידן:
„גלויבסטו, נישט אַלץ איז שוין אויס?"...
כ'קוק אויף איר שמייכל פאַרשיכורט,
ס'גלוסט זיך נישט זען דעם פאַראויס...

ס'גלוסט זיך פאַרגעסן, פאַרגעסן...
קאָן עס געמאָלט זיין נאָר דאָ...
כ'ווייס נישט, צי דויערט עס אייביק,
אָדער אַ שעה בלויז, אַ שעה.

גוט אונטער טונקעלע בליקן,
ווייבלעכע הענט אזוי צאַרט.
זי אויך — זי קאָן זיך פאַרגעסן,
זי אויך — זי האָט מיך דערוואַרט.

זי אויך — זי קאָן זיך פאַרגעסן...
רעדט זי נישט קיינמאָל פון מאַן...
טויזנטער מײַלן צעשיידן,
ס'איז נאָר דער ה יי נ ט דאָ פאַראַן.

ס'איז נאָר אַ היינט אונדז פאַרבליבן —
בלוטיק און פול מיט קאָשמאַר...
שווער פאַר נשמה דער ווײ איז,
שווער פאַר אַ האַרץ איז דער צער!

ס'וועט דער אַ מ אָ ל דאָך שוין סיי־ווי
קיינמאָל נישט קומען צוריק — — —
איז דאָך אויך גוט כאָטש אַ רגע,
גוט אויך אַ רמז פון גליק — — —

ס'גיט אויך דאָס פלעמל פון לעמפּל
בלויז אונדז אַ רמז פון ליכט.
ס'לויכט מיר אַראָפּ נאָר דער שמייכל
פון איר פאַרחלומט געזיכט.

דוכט: אויף אַן אינדזעלע בין איך.
חרוב מײַן שיף און צעשטערט.
כ'ווייס נישט, צי וועל איך נאָך קומען,
טרעפן אַמאָל צו מײַן ערד — —

איז עס דאָך גוט, וואָס געפונען
האָב איך אויך ז י נעבן מיר.
לייכטער דעם עלנט צו טראָגן,
גרינגער דער ווי נעבן איר.

---

ווער איך ביימאָג אויך געלאַדן
דאָרט אין קיביטקע צו איר.
פראַווען מיר מאָלצייטןביידע
ביי אַ פאַרשלאָסענער טיר.

שייבלעך, פאַרקאָוועט אין קווייטן,
גרייכן ביז פעסטונג פון שניי.
קוים נאָר אַ זון־שטראַל פון הימל
קאָן זיך אַ שפיל טאָן אין זיי.

ווייסלען אויף טיש זיך די טעלער,
ווייסלט זיך דער פאָרצעלאַן.
גאָפּל, און מעסער, און לעפל
זענען ביי איר אויך פאַראַן...

פראַווען מיר ביידע דעם מאָלצייט,
ממש אַ יום־טובדיק טיש —
כאָטש גאָר אָן וויין און אָן חלה,
כאָטש גאָר אָן לאָקשן, אָן פיש...

ס'שמעקט דער „פשענאָ", ווי, להבדיל,
יויך פון אַ סדר ביינאַכט...
און די „ווטאָראָיע" — קאָטלעטן! —
היימיש, מיט פעפער געמאַכט...

קומט אויך צום סוף נאָך א „טרעטיע" —
קיכעלעך ווייסע מיט טיי.
ווייעט מיט ווייטע קאַפּעען,
שמעקט עס מיט היים מיר פון זיי.

ציט זיך דער מאַלציים און ציט זיך.
קומט אָן דער דעמער, די נאַכט.
רעדט מען, דערמאָנט מען, דערציילט מען
וואָס נאָר מען טרוימט און מען טראַכט...

---

לאַנג איז די נאַכט אין „סבערקאַסע"
(כ׳בין דאָרטן „שומר" געווען...) —
זיץ איך ביים הילכער פון ראַדיאָ,
ברען איך — ס׳איז ענדלעך געשען:

ס׳האָבן מיט מזל געעפנט
די אַליאירטע דעם פראָנט!
ס׳האָט דער לאַ-מאַנש זיך צעצונדן,
שיפן פון וויים און פון נאָנט.

ס׳האָט זיך דער ווינטער צעפלאַקערט
ס׳ברענט די פאַרשאָלטענע ערד.
ווערן די חיהשע נעסטן
אין דער נקמה צעשטערט...

קומען די טעג פון נקמה,
זיג ברענגט א יעטוועדע שעה.
ס׳בלייבט נאָר דאָס הארץ אָן נחמה:
היים איז דאָך סיי-ווי נישטאָ...

פוסטע אין די שטעט די באַפרייטע,
פוסטע פון חורבן און רויב.
יידן אַוועק אין די אויוונס,
געטאָס אין אַש און אין שטויב...

ס'איז שוין באַפרייט אויך מיין וואַרשע,
כ'ווייס שוין דעם טרויריקן סוד...
ס'וואַרטן דאָרט חורבות, נאָר חורבות,
ס'העלפט שוין קיין טייוול, קיין גאָט...

ווייס איך שוין זיכער, אַז קיינער
איז נישט פאַראַן שוין אַצינד:
האַרציקע מאַמע און שוועסטער,
פרוי און דאָס איינציקע קינד...

גלייך מיט די אַלע מיליאָנען
זענען זיי אויכעט אַוועק — —
ווער האָט געזען די ענויים?
ווער האָט געזען זייער שרעק?...

ווער האָט געהערט זייער קללה?
ווער האָט געזען לעצטן גאַנג?
הימל איז טויב און פאַרשטיינערט,
טויב און פאַרשטיינערט פון לאַנג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

---

ציט אונדז אַמאָל אין די סטעפּעס,
הינטערן ישוב, אין שניי.
טעלעגראַף־סלופּעס זיך ציען,
ציען זיך גלייך אין אַ ריי.

ציען זיך ווייט, ווייט אויף מערב —
דאָרטן, ווו ס׳איז אונדזער היים...
ס׳מורמלען די דראָטן און רוישן,
מורמלען און רוישן געהיים.

ס׳רוישן, ס׳דערציילן די דראָטן
טרויריקע מעשיות אַ סך.
קלאָר אין דער שטילקייט פון סטעפּעם
ווערט זייער מורמלענדע שפּראַך.

„...דוכט, אַז דאָס שרייט מען פון ד אָ ר ט ן.
„ס׳רייסט זיך פון ווייט אַ געוויין...
„ד אָ ר ט ן, פון געטאָס, פון געטאָס
„קולות פון גרוים און פון קליין״...

טריב איר געזיכט, אירע אויגן,
ס׳גלאַנצט שטום אַ בריענדע טרער:
— „דאָרטן... מיין מאַמע... מיין מאַמע...
כ׳הער איר געוויין... אָט איך הער״...

ווילט זיך מיר פליגל באַקומען,
פליען אַהין וואָלט איך גלייך —
דאָרט, ווו פון בלוט און פון טרערן
גיסט זיך, אוי גיסט זיך אַ טייך — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳רוישן, ס׳דערציילן די דראָטן.
ס׳קוקן די סטעפּעס פאַרשטיינט.
טריב איר געזיכט, אירע אויגן.
האָט זי פון צער זיך צעוויינט.

האָב איך פאַר איר נישט קיין טרייסט-וואָרט,
כ'האָב נאָר אין האַרצן אַ קעלט.
איז דאָך אַ פאָלק אויסגעקוילעט
אָפּן,ביים שיין פון אַ וועלט!

שטומע די שנייען און קאַלטע,
הימל קוקט שווייגנדיק צו.
— „כ'בין אַזוי עלנט, פאַריתומט,
פונקט ווי פאַריתומט ביסטו"...

שפּרייזן מיר שטיל און פאַרשלאָסן,
טוליען זיך עלנט אין גאַנג.
אַט דער בית-עולם. פאַרווייעט.
ליגט אַזוי שטום, אַזוי באַנג.

סטעפּיש אויך דאָ אויף בית-עולם.
וויסט. נישט קיין בוימל, קיין קוסט.
בלויז די שטאַכעטן פון פאַרקאַן.
שטילקייט און עלנטקייט. פּוסט!

סטאַרטשען די צלמים און שטערנס.
האַלבע-לבנהס לעם זיי.
ציען זיך קראָען אין לופטן,
ציט זיך אַ ריי נאָך אַ ריי.

טראַכט זיך, אַז ד אָ ר ט ן קיין קברים
קיינעם נישט, קיינעם באַשערט...
הימל געוואָרן פאַרשטיינערט,
גלייכגילטיק אויכעט די ערד...

ביז ס׳איז געקומען אַ פרילינג,
ס׳האָט זיך דער הימל צעהעלט.
ס׳קראַכן די ווענט די בערלינער,
ס׳האָט זיך צעצונדן אַ וועלט!

ס׳גייען אַרמייען פון מערב,
שניידן דורך טמאדיק לאַנד;
ציען זיך לאַוועס פון מזרח,
זייען נקמה און בראַנד...

וואַיען „קאַטיושעס" און האַגלען,
שפייען מיט פולווער און בליי...
פריילעך געווען איז דער פרילינג,
הערלעך געווען איז דער מאַי...

ס׳קראַכן די ווענט די בערלינער,
ס׳האָט זיך צעזונגען אַ וועלט.
קליין ווי אַ וואָרים געוואָרן
נעכטיקער בלוטיקער העלד...

---

ביז ס׳איז געקומען אַ טאָג ווען.
ס׳האָט זיך דער ישוב געוועקט.
ס׳יובלען די הילכערס: „ נ צ ח ו ן ! "
„ס׳האָט זיך דער מבול געעקט!"...

„ס׳ליגט שוין אין אייגענער נאָרע
בלוטיקע חיה דערשטיקט!"...
קומען און טרייסטן די בשורות,
בשורות דורך עטער געשיקט.

קומען אַן באַנען און ברענגען
זין אק-בולאקער צוריק:
קוליעס אויף קוליעס, פּראָטעזן! — —
(ווער ס'האָט געהאַט נאָר דאָס „גליק"...)

קומט מען טאָג-טעגלעך צו „סטאַנציע",
וואַרט מען אויף באַנען פון וועלט...
איז דאָך נישט איינער געבליבן
ערגעץ פאַר קראָען אין פעלד — — —

---

בלאָנקען מיר איינמאָל אין ווייטקייט
ביידע לענג-אוים פונעם פלאַנט.
ס'גלעט מיך איר בליק און מיט ליבשאַפט
שטראָמט פון איר צערטלעכער האַנט.

אָפענע ליגן די סטעפּעס.
פרילינג — דאָך גרויקייט אַרום.
ס'גלעט נישט די בליקן קיין גרינקייט.
גרויער בוריאַן אומעטום.

ס'איילן זיך פריילעכע צוגן,
איילן אין שטעט, וואָס שוין פריי.
פאָרט מען צוריק צו די היימען,
אָנהויבן לעבן אויפסניי.

פאָכט מען מיט הענט פון די צוגן,
פאָכען מיר אויכעט צו זיי.
גוט, ווער אַ היים האָט נאָך ערגעץ,
קאָן מען נאָך שטילן דעם וויי...

זי — ס׳איז איר היים ווו געבליבן,
אויכעט איר מאַן און איר קינד.
וואָס-זשע איז זי נאָך פאַרטרויערט?
כ׳פיל אויך איר טרויער אַצינד.

„זעסט?... וועסט אין גיכן אויך פאָרן...
„האָסט דאָך נאָך ווו אַן אַדרעס...
„ווייניק אַזעלכע פאַראַנען,
„בענטש זשע דעם וווּנדער, דעם נס"...

פאַלן אויף מיר אירע בליקן,
קוקן אויף מיר דורך אַ טרער:
— „קענסט נישט די שטיינער, וואָס דריקן.
ס׳איז אַזוי שווער, אַזוי שווער...

כ׳זע ווי די וועלט ווערט געעפנט,
איטלעכן ציט צו זיין היים.
דאָך... אויב דו ווילסט... כ׳וואָלט געבליבן
דאָרט אין קיביטקע פון ליים...

כ׳גלויב נישט, עס זאָל נאָך אין לעבן
ערגעץ מיר גוט זיין ווי דאָ.
ס׳שרעקט מיך די שעה פון צעשיידונג,
ס׳שרעקט מיך די גרוויזאַמע שעה"...

כ׳טוליע מיך פעסט צו איר אַקסל,
וואָרים איר הענטל און שמאָל.
ציען אין וויטעניש צוגן,
דווישן די רעדער אויף שטאָל.

„כ׳ווייס, אַז עס רעדט אין דיר ליבשאַפט.
כ׳בין דיר ווי דאַנקבאַר דערפאַר.
„האָסט מיר ביי דיר אינעם ווינקל
„תמיד פאַרלייכטערט מיין צער.

„כ׳קאָן אָבער גליק קיינעמס רויבן —
„עמיצער וואַרט דאָך אויף דיר!
„ס׳וואַרטן די היימישע ווינקלען,
„ס׳וואַרט דיך די היימישע טיר.

„איך... איך וועל וואַנדערן ווייטער,
„כ׳ווייס נישט צו וועמען, צו וואָס...
„אפשר נישט פול נאָך דער בעכער.
„אפשר נישט פול נאָך די מאָס" — — — — — — —

כליפּעט זי שטיל און פאַרשלאָסן,
לאָזט זי אַראָפּ שטום איר בליק.
רוקט זיך פון הימלען דער אָוונט,
גייען מיר שווייגנד צוריק.

בלאָנדזשען מיר ווי דורך אַ חלום,
קומען מיר אָן צו איר טיר.
פיינלעך די פרייד איז די לעצטע,
כ׳שפּיר ווי אויך סם טריפט אין מיר...

ס׳ווילט זיך פאַרהאַלטן די רגעס,
ס׳ווילט זיך פאַרהאַלטן די צייט...
הערסט אין געדאַנק ווי די צונגען
רוישן און לויפן אין ווייט — — —

קומט אַ באַגינען אַ טריבער.
שטיינערנער „סטאַנציע"-פּעראָן.
הילכט שוין פון סטעפּ פונעם גרויען,
רעשיק אַ צוג קומט באַלד אָן.

כ'העלף איר, דערלאַנג דאָס געפּעק איר,
קוש איר און ווערטער די האַנט.
קוקט זי אויף מיר אויך און ווערטער,
קוקט זי אויף מיר נאָכאַנאַנד.

לאַנגזאַם עס גליטשט זיך דער צוג אָפּ.
כ'זע זי פון צווישן פיל קעפּ...
כ'האָב איר קיין בלומען געגעבן,
ס'וואַקסן קיין בלומען אין סטעפּ.

כ'האָב נאָר נשמה געשענקט איר.
כ'ווייס, אַז דאָס פילט זי דאָך אויך.
ס'גריסט פון דערווייטנס איר הענטל,
ס'גריסט פון דערווייטנס דער רויך — — —

לאַנג בין איך אַלץ נאָך געשטאַנען
ביי דעם פּעראָן דאָרט אַליין —
גלייך ווי אַ שטומע סטאַטוע,
ווי אַ סטאַטוע פון שטיין...

---

ביז ס'איז געקומען אַ טאָג ווען —
ס'טראָגט מיך, אויך מיך טראָגט אַ צוג.
טראָגט מיך — אויף מ ע ר ב , אויף מ ע ר ב ,
דאָרטן אַריבער דעם ב ו ג .

זיי מיר געזעגנט, מיין ישוב,
דאָרט, ווו עס פליסט דער אילעק.
זייט מיר געזעגנט, איר סטעפּעס,
מיינע פאַראומערטע טעג!

זיי מיר געזעגנט, מיין א י נ ד ז ל!
גוטע קיביטקע פון ליים...
כ'האָב אין דיין שאָטן געפונען
רמז פון פרייד און פון היים...

לאָדזש, 1946 — 1947.

## פאַרטייטשונגען

בוריאַן — ווילד־גראָז.
קיביטקא — אַ ליים־הייזל.
עלעוואַטאָר — זאַמל־פּונקט פון די קאָלכאָז־תבואות, ווו זיי ווערן אויך מעכאַניש געווייעט און גערייניקט.
בוראַן — שטורעם־ווינט.
בעסטאַרקאַ — תבואה־וואָגן, אין פאָרם פון אַ קאַסטן.
בראַגאַ — אַזאַ מין קוואַס.
נאָריוטשעיע — ברען־פליסיקייט פאַר די טראַקטאָרן און קאָמביינען.
אַכשאַ באַר (קאַזאַכיש) — געלט פאַראַן.
פּיאַלאַ — טיי־שעלכל.
כאַמאַסייקאַ — היימיש־פאַרזייטע מאַכאָרקע.
דאָם קאַזיאַנני — מלוכהיש הויז.
ראָדאַק (פּויליש) — לאַנדסמאַן.
טרודאָדני — אַרבעטס־טעג. אין דעם פאַל: די פאַרדינטע תבואה פאַר די אַרבעטס־טעג.
אָטכאָדי — אָפּפאַל פון תבואות.
פּשעניאַ — הירזש.
פּלאַצוווקאַ (פּויליש) — פּוילישער פּונקט.
עטאָ פּאַליאַק — דאָס איז אַ פּאַליאַק.
גרוזינסקי — אין דעם פאַל: גרוזינישער טיי.

גרוזטשיקי — טרעגער־ארבעטער.
אק־בולאק — א ראַיאָן־שטאָט הינטער ארענבורג (טשאַלקאַוו), הינטערן טייך אוראַל, אויף דער שוועל פון קאַזאַכסטאַן.
אַטרען — א קופּאָן שטאָף אויף א מלבוש.
מאַסקאַווסקאַיאַ — אין דעם פאַל: מאַסקווער שנאַפּס.
כאַזייקאַ — באַלעבאַסטע.
שטשי — א באָרשט.
פּילימעני — קרעפּלעך.
פּערוואַיע — ערשט געריכט, שפּייז.
לאַפּשאַ — גרויסע לאָקשן.
וטאַראַיע — צווייט געריכט, שפּייז.
קאַפּוסטקאַ — רויכערדיק לעמפּל אין א גלעזל.
גאַלאַנקאַ — רוסישע רהובע, פּיעקעליק.
באַכטשאַ — פּאַרזיי־פעלד פון קאַוואַנעס, דיניעס, קוקורודזע, זון־בלומען א. אז. וו.
קיזיאַק — הייץ־מיטל אין מיטל־אַזיע, געמאַכט פון בהמיש מיסט.
קיש־מיש — געטריקנטע ווייַנטרויבן.
פּופּייקאַ — וואַטענע מאַרינאַרקע.
טשאַי באָר? — איז טיי פאַראַן?
פּראַשו — איך בעט, איך פאַרלאַנג.
דיעלאָם — צו דער זאַך, אין גוזמא.
סאַדיק — א גערטל, א סקווער.
פּאַצאַן — א ייִנגל, א יוגנטלעכער.
טעפּליושקאַ — א פראַכט־וואַגאָן מיט אן אייוועלע.
וואַיענקאָם — מיליטערישער קאָמיסאַר.
צעבע! — לינקס!
צאָפּ! — רעכטס!
אַמיאַט — תבואה־סטויג.
סטראַי־באַט — סטראָי־באַטאַליאָן, ארבעטס־באַטאַליאָן בעת דער מלחמה.
אַרסק — קריגס־אינדוסטריע־צענטער אויף אוראַל בעת דער מלחמה.
דיוואָווא — א פּונקט אין ריאַזאַנער געגנט, וווּ ס'האָט זיך פאַרמירט די פּוילישע קאָסציושקאָ־דיוויזיע.
וואַדאָוואָז — וואַסער־פירער.
כאַלקי — ראָוון.
אוריוק — געטריקנטע אַבריקאָזן.
טרעטיע — דריט געריכט, שפּייז.
סבערקאַסאַ — אָפּשפּאָרונגס־קאַסע.

# צווישן קברים

# שארית הפליטה

זוי שווער דער גורל אונדזערער, פון די געציילטע,
נאָר על־פּי־נס פאַרבליבענע פון תליונס האַנט.
זוי שווער דער צער נאָך זעקס מיליאָנען ברידער קדושים,
וואָס זייער אַש פאַרוויט, פאַרדעקט דאָס גאַנצע לאַנד.

זוי שווער צו טראָגן טרויער נאָך אַ דור אַ גאַנצן,
אין עלנט אייביקן, אין שוואַרצער אבל־טראַכט.
אַז וווּ דו גייסט — נישטאָ איז קיינער, קיינער, קיינער...
אַ פּוסטקייט גרויזאַמע, ווי פּוסט ס'איז אבל־נאַכט — — — —

.1946

# אַ מיידל פון אָשוויענטשים

דו יונגער, גרויער מיידל־קאָפּ!
כ׳הער שעהן־לאַנג דײַן שטים.
דערציילסט מיר אַלץ מגילת פּײַן,
מגילת אָשוויענטשים.

איך קוק אויף דיר: ווי קומסטו דאָ?
דו ביסט אַ גרויסער נס!
האָסט דאָך געקאָנט ווי אַלע דאָרט
פון לאַנג שוין זײַן אַ מת...

ביסט רואיק איצט. ביסט, דוכט זיך, קאַלט.
פון אויג נאָר שווידער בליצט.
איך קוק דיך אָן: ביסט ווידער שיין.
ס׳איז ווידער פרילינג איצט.

די ליפּן זאָרגזאַם אויסגעשמינקט,
די ברעמען־ליניעס דײַן.
דײַן קלייד, די זעקלעך, שיך, דײַן גאַנג —
אינגאַנצן „על פּין דין״.

דערציילסטו לאַנג פון יענער וועלט,
דערציילסט מגילת פּיין...
איך הער און הער און זאָג זיך שטיל:
„אַ שאַנד איז מענטש צו זיין!"...

לאָדזש, 1946.

# צו פוילן

## (צייט-מאָטיוו)

**געווידמעט די קדושים פון קיעלץ.**

פון וואַנען צו אונדז אַזאַ גאַליקע שנאה,
גענערט דאָ ביי דיר אין דיין שוים? —
צו אונדז, אָט די ל ע צ ט ע פ ו ן ג אַ נ צ ע מ י ל י אָ נ ע ן —
צו אונדז, וואָס געוועז און שוין אוים?...

פון וואַנען פאַר אונדז איז דאָס מעסער דאָס בלאנקע,
וואָס לויערט אויף איטלעכן וועג?
צי דאָס איז די טרייסט, וואָס מיר קאָנען געפינען
נאָך געטאָס, נאָך „גאַזיקע" טעג?

פון וואַנען צו אונדז אַזאַ שוימיקער צאָרן?
פון וואַנען דער גיפט און דער האַס?
צי ווייניק נאָך טרערן? צי ווייניק נאָך קברים?
וואָס וויל זי, די פינסטערע גאַס?...

אָ, פוילן! שוין צופיל די העלדן פון מעסער
פאַרמיסטיקן איצטער דיין לאַנד: —
אונדז ברענגען זיי ווידער אַ סדרה פון קברים
און דיר — נאָר בזיון און שאַנד — — —

לאָדזש, 1946.

# אַנטקעגן מיין פענצטער...

אַנטקעגן מיין פענצטער געוווינט האָט אַ ייד,
פלעגט קלינגען פון דאָרטן אַ זמר, אַ ליד.

ר׳פלעגט פראַווען שבתים ביים פריילעכן טיש.
און יין לקידוש, און חלה, און פיש.

אַ מאַמע פלעגט בענטשן די הייליקע ליכט,
נשמה־יתירה אויף יעדנס געזיכט.

ר׳פלעגט פראַווען די סדר־נעכט מלכותדיק־ברייט.
עס האָט זיך אין ווינקעלעך קדושה געשפּרייט...

חד־גדיא... געקומען אַ שוחט צוגיין,
געבליבן פון ציגעלעך איז קיין געביין...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַנטקעגן מיין פענצטער געוווינט האָט אַ ייד...
איצט קלינגט שוין פון דאָרטן אַן אַנדערנס ליד.

ס׳איז ווידער דאָרט פריילעך, די שטוב פול מיט גלאַנץ.
עס ברענט אַ „כאַאינקע״ מיט פלעמלעך אַ קראַנץ:

פון לילאַ, פון גרין און פון בלוי אַ געמיש.
עס שיינען געזיכטער ביים ק ר י ס ט ל ע כ ן טיש...

מען לאַכט, און מען עסט, און דער בראָנפן זיך גיסט...
אַנטקעגן מיין פענצטער איצט וווינט שוין אַ קריסט — — —

לאָדזש, דעצעמבער, 1947.

# יזכור...

יזכור... ס'איז לאַנג די רשימה, אוי לאַנג!
ווו איז דער אָנהויב און ווו איז דער סוף?
לאַנג ווי די מחנות אין פינסטערן גאַנג —
גאַנג צו דער שחיטה, ווי סטאַדעס פון שאָף...

ס'וויגן טליתים זיך ווייסע אין שול.
וויינען די שטומע, די וואַקסענע ליכט.
חלל פון וועלט מיט נשמות איז פול,
מאָנען זיי ד י ן אינעם טאָג פון געריכט — — —

יזכור... יריעות, צעוויקלט זיך ברייט!
נעמט די נשמות אין קדושה אַריין.
הימלען, דעם פאַרמעט דעם בלויען צעשפּרייט,
יעדע נשמה אַ שטערן זאָל זיין!...

יזכור... איר ימים! צעשפּאַלט זיך, פאַרשווינדט.
לאָזט זיי, די טרערן, אַריין אין דער מיט!
זאָלן די הייליקע טרערן פון קינד
ווערן פאַר דורות פאַר ווייטע געהיט! — — —

לאָדזש, 1947.

# עס ברומט דער האַרבסט...

עס ברומט דער האַרבסט זיין טרויער־ניגון.
הינטער פענסטער נאַכט צעשפּרייט.
עס קומען   אַ ל ע ,   וואָס נישטאָ שוין, —
זייער אַש פון ווינט צעזייט...

עס ברומט דער האַרבסט זיין טרויער־ניגון.
שויבן ציטערן פון ווינט.
קאָן זיין, אין נאַכט אַזאַ געטריבן
האָט מען דעמאָלט מאַמע, קינד...

געטריבן האָט מען זיי צו פלאַמען
אפשר אויך אין שוואַרצער נאַכט...
און זיכער אין דעם וועג דעם לעצטן
האָבן זיי פון מיר געטראַכט — — —

עס ברומט דער האַרבסט זיין טרויער־ניגון.
ברומט און וויינט אויך מיט מיין האַרץ.
עס ציטערן פון ווינט די שויבן
און די נאַכט איז טויט און שוואַרץ...

לאָדזש, 1947.

# עס האָט די ערד...

עס האָט די ערד, גלייך ווי אַ פּרעכטע זונה, וואָס ווערט קיינמאָל
גאָרנישט זאַט,
מיט הייסן בלוט זיך אָנגעטרונקען אין דער לאַנגער אָרגיע־נאַכט...
און ווידער שמינקט זי זיך מיט רויטקייט פון פּיאָן, מיט
גרינקייט פונעם בלאַט
און שפּרייט זיך, ציט זיך תאוותדיק צו העלער זון, וואָס לאַכט
צו איר און לאַכט.

מיט דערנער־גראָז פאַרוואַקסן שוין די לאַנגע מאַסן־קברים דאָ
און דאָרט,
די קרעמאַטאָריע־רויכן לאַנג פון ווינטן שוין צעבלאָזן און פאַרוויט...
נו, פּוצט און שמינקט די ערד זיך ווידער אין איר לייכטזין אויף
איעדן אָרט,
ווי אַן אַלמנה לאַקנדיקע, יונגע, וואָס איר טרויער שנעל פאַרגייט...

זי וויים אפנים, נישט אויף לאַנג וועט דויערן די שלווה אויף איר
שוים,
אַז נאָך אַ געניין פון דער צייט — און ווידער וועט צעברויזן זיך
אַ וועלט;

און ווידער וועט דער חורבן פּליִיצן, שפּרייטן זיך שטאָט־איין,
שטאָט־אויס,
און מענטש — דער צלם אלוהים — וועט מיסטיקן מיט בלוט אַ
יעדעם פעלד — — —

דושניקי־זדרוי, יולי, 1947.

# צום 30־טן יאָרצייט פון מענדעלע מו״ס

I

## קלוגער זיידע...

אַ קלוגער זיידע! ווו געווען איז דאַן דיין ברכה
אין טעג נסיונותדיקע, גרוויליק־שווערע?
פון דיינע טוניעיאדעווקעס נאָר אַש געבליבן,
נאָר ציגל, ווענט אָן פענסטער, חורבות לערע.

עס זענען דיינע אייניקלעך אַוועק אין פלאַמען,
געבליבן אין בעזלודעווקע איז קיינער.
דער ראש הקהל, צי פישקע קרומער — אַלע, אַלע,
פון אַ קהילה קוים געבליבן איינער...

דיין שקאַפּע אויסגעצויגן הפקר אויף אַ וועג ווו.
עס האָבן איר געביין צעפּיקט די קראָען...
די בויד מיט ספרים לאַנג צעשיט, צעפליקט אויף פיצלעך,
די ווינטן טראָגן שמות אינעם וואָיען...

עס בלאַנקעט דיין ישראליק איצט אויף וויסטע וועגן,
פאַריתומט, קרועה בלויה און פאַרלאָזן...
אַ יתום אָן אַ היים, אַ יתום צווישן הפקר,
צעווישן האַס, צעווישן פיינטס ירגזון...

אַ קלוגער זיידע! וואָס וואָלסטו געקאָנט איצט זאָגן?
וואָלסטו נאָך איצט געהאַט אַ חוזק-שמייכל?
וואָלסט זיכער איצט ביי אונדז געוואָרן אַ מקונן,
מיט אַש אויף לענדן אויף אַ וויסטן היכל — —

II

## צום „זיידן"

**(קינדער־מאָטיוו)**

קינדער! לאָמיר גיין צום „זיידן" —
צו דעם מוכר ספרים.
ד'האָט אַן אַלטע, בידנע שקאַפע
און זיין בויד איז אָרים...

לאָמיר גיין צום גוטן „זיידן",
קומט־זשע, קינדער קליינע!
ד'וועט אונדז געבן מעשה־ביכלעך,
מעשה־ביכלעך שיינע.

פון אַ הערשעלע, אַ שמעלקע,
פון אַ פישקע קרומען,
פון אַ שלמהלע רב חיימס... —
צייטן לאַנג פאַרשוווּמען!

פון אַ בחורל ישראליק
און פון אַ בנימין.
יעדעם ביכל מיט זיין מעשה,
יעדעם מיט זיין נאָמען.

קינדער! לאָמיר גיין צום „זיידן",
קומט צו אים אין ביידל.
ביי זיין שקאַפע צופן שקצים
סטרונעס פונעם ווידל...

ווער עס האָט אַ האַנט, אַ פוס נאָר,
טוט די שקאַפע פלאָגן — — —
ווען מיר די שקצים טרייבן,
אַלע זיי פאַריאָגן...

לאָדזש, 1948.

# אין קינדערהיים

קינדער אין בעטעלעך ווייסע,
שפּילצייג צעהאָנגען אויף ווענט.
טאַטעס — אין לאַגערס געשאָכטן,
מאַמעס — אין אויוונס פאַרברענט...

קינדער — פון דערפער, פון קלויסטערס;
קינדער — פון נאָנט און פון ווייט;
קינדער — פון בונקערס און גריבער;
קינדער — פון בלוטיקער צייט — — —

קינדער געבראַכטע פון הפקר —
פייגל פון שטורעם צעזייט...
גייען אום פרויען אין ווייסן
צווישן די בעטעלעך גרייט.

גרייט מיט אַ צערטלעכן שמייכל,
גרייט מיט אַ ליבלעכן בליק.
קינדער — מלאכימלעך ווייסע
טרוימען אין בעטעלעך צוריק...

רואיק די פּנימלעך ראָזע,
פּנימלעך צאַרטע אין ריי.
לאַכן פון שלאָף — ס'זענען זיכער
מאַמעס געקומען צו זיי...

לאַכן זיי גליקלעך צו מאַמעס,
זים זענען מאַמעשע הענט!...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
קינדער אין בעטלעך ווייסע,
מאַמעס — אין אויוונס פאַרברענט — — —

וואַרשע, 1948.

# אין געטאָ

איך בין היינט אין געטאָ געוועזן —
איך קום אָפּט אהין! —
מען רוימט שוין דעם „גרוז" און מען פירט אים
מיט פור און מאַשין.

עס ווערט שוין אַלצדינג דאָ צענומען —
די ציגל, דער ליים.
עס וועט שוין קיין זכר פאַרבלייבן,
קיין שטיין פון מיין היים...

קיין סימן, קיין צייכן פון גאַסן.
עס ווערט אַלץ „פּלאַנירט". —
עס וועלן דאָ זיין נייע פּלעצער,
מיט סקווערן באַצירט...

מען זאָגט, עס וועט זיין דאָ נאָך שענער.
יאָ, מעגלעך, איך גלויב.
דאָך מיר זענען ליבער די חורבות,
די ציגל, דער שטויב...

עס וועלן דאָ  אַ נ ד ע ר ע  וווינען —
נישט מיר... נישט קיין ייד...
וואָס קאָנען אונדז פרייען די סקווערן
צעגרינט און צעבליט?...

די פּרעכטיקע גאַסן? די הייזער?
די פּרעסקעס אויף ווענט? —
עס וועט דאָך נישט זיין דאָ שוין קיינער
פון די, וואָס פאַרברענט — — — —

לאָדזש, 1948.

# אַן אָנדענק

כ'האָב אין דעם וואַנדער־וועג מיר מיטגענומען
אַ שטיקל קאַפּל פון מיין הויז, —
אַ פּיצל קאַפּל פון אַ וויסטן אויוון —
צום אָנדענקען — אָנשטאָט אַ רויז...

איך היט דעם זכר, גלייך ווי אַ קמיע:
נאָר דאָס געבליבן מיין פאַרמעג.
כ'קוק אָפט אין שפּיגל־ווייסן חורבה־קאַפּל
און זע, און זע די עבר־טעג...

זיין ווייסער שפּיגלדיקער גלאַנץ דערמאָנט מיר
די ליבע וואַרימקייט, די פרייד,
די ווענט די היימישע, די דלד אמות,
איך הער, דוכט, לאַנג־פאַרשטומטע רייד...

פון טיפער, שטילער שפּיגלדיקער ווייסקייט
שטום שמייכלט עמיצער אַרויס: —
געזיכטער נאָענטע און צאַרטע בליקן,
די ליבע שאָטנס פון מיין הויז...

איך רעד, איך רעד צו זיי און זיי דערציילן,
כ'פאַרנעם אין עלנט זייער קול — — —
צעשווימט די וואָר ווי אין אַ ווייטן חלום
און ס'וויגט מיך איינעט דער  אַ מ אָ ל — — —

לאָדזש, 1948.

# עלעגיע װעגן גראָדנע

אָ, היימישער ניעמאַן, אָ, היימישע ברעגעס
מיט הייזלעך צעוואָרפן אין גרין.
כ׳דערמאָן איך אין שטילע, אין איינזאַמע רגעס.
איר לעבט אין מיין האַרץ, אין מיין זין...

די נעכט אויף די ברעגעס איך זע פאַר די אויגן,
די פלעמלעך — ווי שטערן צעהעלט.
די בריק אין דער לופט איבער וואַסער פאַרצויגן,
די צוגן, וואָס לויפן אין וועלט — — —

קאַלאָזשע... לאַסאָסנע... דער גרינער גן־עדן
אין שאָטן פון בוימערביים טייך — —
(אָ, וויפיל חלומות און זוניקע פריידן
גענומען אין וואַנדער פון אייך!...)

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די רואיקע גאַסן, די רואיקע יידן,
די האַרציקע יידישע שטוב — — —
אַוועק און נישטאָ מער. אַלץ חרוב, פאַרשניטן.
קיין זכר, קיין קבר, קיין גרוב...

די טעכטער באַהנטע, מיט ביכער, מיט נאָטן,
די מאַמעס פון — „גאָט פון אברהם" — — —
געקומען אויף וועלט איז אַ פינסטערער שטן,
געעפנט אַ בלוטיקן תהום...

אָ, היימישער ניעמאַן... געוועזן ביסט אַן עדות
פון שחיטות, פון גרויזאַמע טעג — —
איצט טראָגסטו נאָר טרערן פון קינדער ביז זיידעס,
איצט טראָגסטו נאָר בלוט אין דיין וועג — — —

לאָדזש, 1948.

# מיר וועלן געדענקען...

**דעם זכר פון די אויפשטענדלער**
**אין וואַרשעווער געטאָ.**

מיר וועלן אייך אייביק געדענקען, גבורי ישראל!
אין היכל פון אומה פאַרבלייבט אייער פלאַמיקע פּאַן.
כאָטש קליין אין דער צאָל, אָבער גרויס אין דער הייליקער גבורה —
אין קאַמף צווישן חורבות, אויף קראַכנדע ווענט פון בעטאָן.

פון האַס און נקמה געשמידט איז געווען אייער וואָפן,
פון טויט און פון צאָרן די פליענדע פלעשער בענזין.
צעשמעטערטע קעפּ פונעם שונא אין ברענענדע טאַנקען
דערפילט האָבן גבורה פון יידישע טעכטער און זין.

און איר האָט דערהויבן דעם כבוד פון מענטש און פון אומה.
פאַרשעמט איז געוואָרן די גלייכגילטיק-שווייגנדע וועלט...
צעפלאַקערטע געטאָ געוואָרן אַ לויכטנדער פאַקל,
וואָס וועקט און וואָס רופט, און פאַרוואַנדלט דעם שקלאַף
אין אַ העלד!

פאַרקלונגען האָט אייער געראַנגל אין אייביקע צייטן,
פאַר דורות געוואָרן פאַרחתמעט דער קאַמף און דער מוט.
מען וועט אינעם עתיד צעוויקלען ווי פאַרמעט-יריעות
די פייער-מגילה פון פיין, פון נקמה און בלוט...

געוויזן האָט איר, ווי עס שטאַרבן גבורי ישראל —
ווען ס׳ ל ע ב ן געוואָרן אַ חוזק פון חיהשן פיינט...
עס וועט אייך געדענקען דער ייד פון באחרית הימים,
עס טראָגט אייך אין האַרץ דער פּאַראבלטער ייד פונעם
ה יי נ ט ! — — —

לאָדזש, אַפּריל, 1948.

# מלכות ישראל

פון וואַרשעווער געטאָ ביז מלכות ישראל —
עס ציט זיך איין יידישער פראַנט!
די זעלביקע העלדן, די זעלבע גבורים,
זיי קומען פון ווייט און פון נאָנט.

פון דורות פון ווייטע ביז בלוטיקע טעג איצט —
עס ציט זיך איין גאָלדענע קייט:
בר־כוכבא — הגנה, — די זעלבע קנאים
אין הרי יהודה צעשפרייט.

פון דורות פון ווייטע ביז אונדזערע צייטן
דערלאַנגען זיך שונאים די האַנט:
צי מצרי, צי פלשתי, צי טיטוס, צי המן,
צי היטלערס פון איטלעכן לאַנד...

חזק, זייט געשטאַרקט, אַ איר קעמפער ישראלס,
געבענטשט אייער מוטיקע שווערד! —
ס'איז קאַמף מיט מאַידאַנעק, מיט גאַז און מיט אויוונס
דער קאַמף פאַר דער יידישער ערד!

דאָס לעבן איז שיין אונטער הימל פון תכולת,
עס לאָקט דער כנרת און רייצט, —
דאָך הייליק דער טויט איז פאַר לאַנד און פאַר אומה
און הייליק דאָס בלוט, וואָס עס פלייצט — — —

פון וואַרשעווער געטאָ ביז ירושלים —
עס ציט זיך איין יידישער פראָנט!
געבענטשט זייט, איר העלדישע ברידער און שוועסטער,
געבענטשט זייט פון ווייט און פון נאָענט!

לאָדזש, מאַי 1948.

# אויף אַטוואַצקער „ליניע״

סאַסנע־וואַלד. פאַרקאַנעס. ווילדעס.
יי ד י ש   געווען איז אַטוואַצק.
פול דאָ געווען איז מיט יידן,
חסידים פון גער און פון קאָצק.

קאַפּאָטעס, יאַרמולקעס, פּיאות.
שוואַרצקייט מיט גרין אַ געמיש.
פלעגט מען דאָ פּראַווען שבתים,
פּראַווען רביישן „טיש״...

זמירות, רקידות, ניגונים
פלעגן פאַרקלינגען העט ווייט.
פול איז געוועזן מיט יידן
דאָ אין אַמאָליקער צייט...

***

סאַסנע־וואַלד. פאַרקאַנעס. ווילדעס.
יי ד י ש   געווען אומעטום.
„וואַכמאַן״... „אַטלאַנטיק״... „אייראָפּע״... —
אַלע „פּרעסאַרניעס״ אַרום...

„זאַלבערג״... „יעווגעניע״... „זאַכענטאַ״... —
ווינקעלעך אַלע באַקאַנט.
וואַרשעווער געסט... רעדאַקטאָרן...
שרייבער... די „פּני״ און דער „שמאַנט״...

יידישע פרויען פאַרברוינטע.
טעכטער מיט יידישן חן...
פרייד, און געלעכטער, און לידער...
(שווער שוין היינט פרייד צו פאַרשטיין...)

דאַנסינגס, און טענץ, און פאַרווײַלונג...
נעכט אַזוי ווייט שוין, ווי ווייט...
פול איז געוועזן מיט יידן
דאָ אין אַמאָליקער צייט...

***

סאָסנע-וואַלד. פאַרקאַנעס. וויללעס.
ס׳הויבט זיך פון וואַווער באַלד אָן.
קומט נאָר מיעדזעשין — סיראָטע
זינגט שוין פון אַ פאַטעפאָן...

פאַלעניץ... פול איז מיט עמך
דאָ אין דעם זאַמדיקן אָרט.
קלינגט דאָ דאָס יידישע לשון,
קלינגט דאָ דאָס יידישע וואָרט.

אָט-אָ מיכאַלין, יוזעפּוּוו
שווידער. דאָס טייכל דערביי.
פול איז די פּליאַזשע מיט יוגנט.
מיידלעך צעבליט ווי דער מײַ...

הילכט דאָ דער הילכער פון ראַדיאָ,
טאַנגאָם דורך וואַלד און דורך פליין.
פרייד אויפן זאַמד, אינעם וואַסער...
(שוועד שוין היינט פרייד צו פאַרשטיין...)

***

פרייטיק-פאַרנאַכטן צעגליטע.
ס׳קומען אָן צוגן אַצינד.
וואַרשעווער יידן אויף שבת
פאָרן צו ווייב און צו קינד.

הענגט מען אויף טרעפּ און בופאָרן,
זיצט מען אויף דאַך אין דער הויך.
שטויסט מען זיך, שפּאַסט מען — ס׳איז לוסטיק,
שמעקט גאָר ווי בשמים דער רויך...

פול אויף די סטאַציעס מיט ווייבלעך —
וואַרטן פאַרשרפהט, פאַרברוינט.
שמייכלען די מאַנען צופרידן:
— ס׳קאָסט טאַקע... נאָר ס׳האָט געלוינט...

וואַקסט דער יאַריד ביי די סטאַציעס
צווישן די זאַמדן און גרין:
שווידער, יוזעפּוו, מיכאַלין,
פאַלעניץ און מיעדזעשין...

***

דופטיק איז צווישן די סאָסנעס,
הימל גיסט בלויקייט אראָפּ.
פרויען אין זון אויף „לעזשאַקעס"
ברענען די „צערע" זיך אָפּ...

היימיש איז אויף די וועראַנדעס.
ס'שפיגלט אין גלעזער דער טיי.
„דאַווענט מען" ווי ביי אַ „פּאָקער",
קלעקט גאָר קיין צייט נישט פאַר זיי...

זיצט מען אויך ווי טיף פאַרמוחט
איבערן ברעטל פון שאַך.
אָדער אַ ייד אין אַ קאַפּל
קוקט גאָר אַריין אין תנ"ך.

קינדער אין „וווזקעס" דאַ-דאָרטן,
יונגינקע מאַמעס אין וואַלד.
שטופּן די קינדער באַנאַנעו,
מאַכן די קינדער אַ גוואַלד...

גייען אויך אָן ווי דיספּוטן,
„איזמען" עס ווערן דערמאָנט...
היימיש איז אויף די וועראַנדעס.
שטימען פון ווייט און פון נאָנט.

דופטיק איז צווישן די סאָסנעס.
הימל איז בלוי און איז ריין.
זומער-לעב. פרייד און געלעכטער...
(שווער שוין היינט פרייד צו פאַרשטיין...)

**
*

טרויעריק היינט אויף דער „ליניע",
צווישן די סאָסנעס אין וואַלד.
אויף די וועראַנדעס די רויטע
זעסט נישט קיין יידיש געשטאַלט.

אוים מיט די פרייטיק־צו־נאַכטן,
אוים מיט שבתים אַצינד.
אוים מיט די יידישע מאַמעס,
אוים מיטן יידישן קינד...

ס'קלינגט מער קיין יידישער ניגון,
מ'הערט מער קיין היימישן קלאַנג.
עוועס, און מאַניעס, און דאָרעס —
אַלע פאַרברענטע פון לאַנג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שווידער, יוזעפּוו, מיכאַלין,
פאַלעניץ און מיעדזעשין... —
אַלע איין גרויסער בית־עולם,
שטומער בית־עולם אין גרין...

טרויערן סאָסנעס נאָך יידן,
ווילדעס פאַראַבלט און שטום.
קומט נאָר דער אָוונט — געוויינען
הערט מען פון גרינעם אַרום — — —

לאָדזש, 1948.

# נאַלעווקעס 38

(לירישער גראָטעסק)

ווען כ׳קום קיין וואַרשע, קום אין געטאָ,
ווען כ׳בלאָנקע צווישן ציגל אום —
דאַן שטייען גאַסן אויף אין זינען,
ס׳לעבט אויף דער חרובער אַרום...

ס׳שטייט אויף פאַר מיר פון חורבות ווידער
אַ וועלט, וואָס חרוב און פאַרברענט:
די נאַלעווקעס... הויז אַכט און דרייסיק...
פון כל ישראל „דער מאָמענט״...

די פעסטונג ממש פון דער פרעסע,
מיט „גענעראַלן״ פון דער פען...
אַוועק מיט רויך, אַוועק מיט פלאַמען,
ווי קיינמאָל, קיינמאָל נישט געווען...

אין סאַמע מיט פון האַנדל-וואַנדל
פון רוחניות אַ זייטיק אָרט...
רעדאַקציע-שטיבלעך... מאַנוסקריפטן...
די קוזניע פון געדרוקטן וואָרט...

טשופּרינעס טונקעלע און גרויע...
עס גלאַנצן פליכן העל אין ליכט...
די בעסטע סחורה איז די תורה...
אַ שאַרפער מאמר, אַ געדיכט...

געשטאַלטן שוועבן פאַר די אויגן,
דערמאָנסט אַ וואָרט, אַ וויץ, אַ שפּאַס —
פון מענטשן, וואָס שוין אַש אַצינדער,
צעווייט פון ווינט אין וויסטער גאַס...

---

...דער אַלטער צבי1) דיקטירט דאָס „צעטל"2)
און דרייט זיך אום אַהער, אַהין.
און פּ ר אָ פּ ו ס זיצט און פינטלט קאָמאַס,
ס ט ו פּ נ י צ ק י קלאַפּט אויף דער מאַשין...

ר' נחם3) רויכערט אַ ציגאַרל,
פון „פילאָלאָגיע" שרייבט ער איצט.
און נ אָ מ ב ע ר ג נעבן אים וויכוחט.
ביים „טיימס" דער אַלטער כ ה ן שוויצט...

ר' ה ל ל 4) דרייט זיך אום פאַרמוחט
און ברומט זיך עפּעס אין דער שטיל:
זיין לייט-אַרטיקל היינט צו שאַרף איז,
„סמיאַגטשאַיעט"5) אים ר' צבי זיין סטיל...

אָט גרייט שוין א י ט ש ע ל ע 6) אויף שבת
דעם פעליעטאָן אין סאַמע קאָך:
ער פלפולט זיך, צעלייגט אויף טעלער
די גאַנצע פּאָליטיק פון וואָך...

און שלמה ביבער שיינט פאר נחת.
ר'איז פריש פארקעמט און פריש ראזירט.
ביינאכט „מוטירט"7) האט ער דעם „נומער",
אויף גאנצע זייטן זיך צעשמירט...

אט קומט אריין דער דאקטאר גאטליב
מיט שמאלע בלעטלעך אין האנט:
א פעליעטאן שוין דא אויף פרייטיק, —
איצט זוכט ער שוין צו ברידזש א „האנט"...

יאנאווסקי מיט די רויטע פלעקן,
ער „מאכט" דעם „ראדיא" מיט א ברען:
ראמאנען, וואס עם ליפערט יפת
און גראמען פונעם „קעסט-קינדס" 8) פען...

און באנטשע 9) מיטן הערצל-פנים,
מיט, נעבעך, צופיל גוף און לייב —
ער ברענגט זיין פארציע „מעכל זעליק"10)
און גייט צוריק אהיים צום ווייב...

דער שתקן פויזנער, דער קארעקטאר,
וואס האט א לעבן נישט געשפאסט,
דאך לאזט ער דורך ווען א „פארלאבונג",
ווו ס'ווערן זכרים צוויי פארקנסט...

דער קעניג פון די קארעקטארן,
מנחם-מענדל 11), איז אויך דא, —
קייכט הייזעריק פון גרייזן, גרייזן,
קיין גרעסער נחת, דוכט, נישטא...

ק א ר ל י נ י ו ס  טראָגט זיין „שעוועליורע"
און טראָגט אידעען אויך אין קאָפּ... —
ער שפּאַנט און צאַצקעט אַן עסיי אויס
און פּראָפּוס שיקט עס גלייך אַראָפּ...

דער טויבער  ש פּ י ר אָ  שמירט און טינטלט
א מאמר פון אַ מעטער אַכט.
ער קוויקט אַליין זיך פון הנאה
און הערט נישט ווי דער עולם לאַכט...

און  ל ע ס ק י 12)  דרייט זיך אום פאַררונדיקט —
דער רעפּאָרטער פאַר־עקסעלאַנס!
ער קומט אַריין אין מיניסטעריומס
אין האַרטן הוט מיט עלעגאַנץ.

ס'קומט  ה י ל י 13)  אָן פון סיים פאַרסאָפּעט,
אַ הייסער טאָג געווען היינט דאָרט:
עס האָט די „קאָלאָ"14) היינט צערעדט זיך,
געקומען איז זי היינט צום וואָרט.

ס'האָט  ש י פּ ע ר  פיר אינטערפּעלאַציעס
געלייענט פון טריבונע היינט:
„עקסצעסן" דאָ, „עקסצעסן" דאָרטן...
די שיינע שטיק פון יידן־פיינט...

און ס'גייט אַ סיים־באַריכט — צוויי זייטן!
ס'שיט חילי בלעטלעך אָן אַ שיעור —
ווי פיילן קעגן דער „ענדעציע",
די שאַרפע פיילן פון... פּאַפּיר...

און ג ר א פ מ א ן בויט דעם עמוד וו אַ ר ש ע
מיט „קאַטשקעס" און מיט גרויסע קעפּ.
עס ליפערן די רעפּאָרטערן
אים פעק סענסאַציעס — נעם און שעפּ:

אַ ליבע־דראַמע אויף דער פּאַווייע;
אַ מיידל שפּרינגט פון פערטן שטאָק;
באַנדיטן רוימען אויס אַ קאַסע... —
און נאָך סענסאַציעלער אַ שאָק.

ס'ברענגט מ י כ ל ס אָ ן גאָר פעטע „סחורה"
פון ראַבינאַט־טיש — פון ר' דן:
אַ סעריע גטן גאָר פּיקאַנטע...
(ס'גייט אונטן אַלס אַ פעליעטאָן).

און ז אַ ג אָ ר אָ ד ס ק י שרייבט אַ „פּרעסע".
פון דאָ און דאָרטן ער ציטירט.
ער מוסרט, זידלט נאָוואָטשינסקין,
מיט יידן־פּרעסער דיסקוטירט...

שאַ, שטערט נישט! שטיל! דער שעף־רעדאַקטאָר —
ד' צ ב י — דיקטירט איצט דעם „מאָמענט"!15)
דער סעקרעטאַר די פען אָפּט טבלט,
אויף די באַלקאַנען ווידער ברענט...

דער טערק, ער רודערט, פּראַוועט מעשים...
דער ווייטער מזרח פּראַוועט שטיק...
יאַפּאַן מיט כינע — פלאַם מיט וואַסער.
דער נעגוס מאָנט זיין לאַנד צוריק...

אויך אינדיע שווייגט נישט — רק עס קאָכט זיך,
עס קריכט אום גהאַנדי מיט זיין ציג...
לאַיד דזשאָרדזשן פעלן נישט קיין זאָרגן.
פון אַלע זייטן שמעקט מיט קריג...

הכלל, דער הימל איז פאַרוואָלקנט...
צי דראָט אונדז טאַקע ווידער קריג?
„די נאָנטע צוקונפט וועט באַווייזן!" —
פאַרענדיקט צבי דעם איבערבליק...

צום סאַמע סוף דער אויסרוף־צייכן —
אַ „וואָסקליצאַטעלני" כדת...
עס וועט דער לעזער שוין צעקייען;
פאָליטיקירן וועט די גאַס.

און אונטן אין דעזשורנע־שטיבל
די אַרבעט קאָכט, די אַרבעט ברענט.
דער טעלעפאָן, ער קלינגט און רוט נישט.
— האַלאָ, האַלאָ, ס'רעדט „דער מאָמענט"...

ס'שוויצט אפלבוים, און ברוין, און קעסטין —
די נאכט־פויגל פון דעם „מאָמענט":
מען קאָריגירט, מען שטעלט דעם „נומער",
די אַרבעט יאָגט, די אַרבעט ברענט.

עס קומט אויך צו דעם נאָכט־יאַרידל
ש. זאַקס — דער „רוסקי טשעלאָוויעק"...
ער כאַפּט דאָ אויף אַ טיש אַ דרימל
און ס'גייט אים דאָ די נאָכט אַוועק...

און ק ל אָ ג דער מעטראנפּאזש, ער נוקעט:
— קאָרעקטעס, „קאָפּיע״ פּאָדאוואָי!...
מען גייט פון חתונות אין גאַס שוין.
ס'איז שפּעט ביינאַכט. שוין זייגער דריי...

***

אין זעצעריי אין יענע יאָרן
ווי אין אַ חסידים־קלויז געווען:
פון אַלטן דור אַ רעשטל זעצער
מען האָט נאָך דאָרטן אויך געזען.

ר' יוקעוו מיט דער באָרד דער ברייטער,
דעם שטילעט תמיד אין דער האַנט —
ער פלעגט פאַרריכטן האַנטזאַץ־גרייזן
בנעימותדיק און מיט פאַרשטאַנד.

„געפּילעוועט״ האָט ער דעם ניקוד:
דעם פּתח, קמץ און דעם שוואָ...
עס איז ביי דער „מלאכת קודש״
זיין רויטע באָרד געוואָרן גראָ...

ר' משה האַזע — אַ בן שמונים,
אין קאַפּל, מיט אַ ווייסער באָרד —
אַ לעבן לאַנג ביים זעצער־קאַסטן
געשטאַנען וואָך איז אויף זיין אָרט.

אַמאָל געזעצט האָט ער חומשים,
סידורים, ספרים און דעם ש״ס;
געזעצט אויך מעשה־ביכלעך, תחינות
„בדפוס האחים ראָם״, פאַר מ״ס...

ר׳ יוסף זיידענוואר דער „ברעכער״ —
אַ ייד אַ חסיד און אַ ברען;
ער האָט „געוויאָרסטעוועט״ עמודים
מיט תורה־ווערטלעך ווען־נישט־ווען.

ר׳ אהרן מיטן געלן בערדל —
אין היטעלע, אַ שטיבל־טיפּ —
ער איז אַוועק פון האַנטזאַץ־קאַסטן,
באַהעפט זיך מיטן לינאָטיפּ.

און לעוויטאַן, דער פרומער ליטוואַק —
דער פלינקסטער אין דער זעצעריי:
זיין לינאָטיפּ געזופט האָט „קאָפּיע״,
געוואָרפן שנעל די שפּאַלטעס בליי...

און שוסטערמאַן — דער „קורצער פּרייטיק״ —
עס זאָל אים נאָר נישט זיין לגנאי: —
פלעגט זעצן גרייזן ווי די „ביקעס״,
עס האָט געווילט די זעצעריי:

פון מ יי ד ל פלעגט ער מאַכן „מייזל״,
פון ל מ ד ן — „לאָקש״, א י ש ת ם — „איש חם״...
נאָר נישט זיין שולד — אַ שלעכטע ראיה!
און אויך די זקנה מן הסתם...

און שריפטגיסער דער מאַטריצירער,
קלאַפּט מיט דער באַרשט אַרויף, אַראָפּ.
אין שפּעטער נאַכט ביים הייסן אייזן
פון מידקייט זינקען פלעגט זיין קאָפּ.

אין זעצעריי געווען איז פריילעך,
ניגונים פלעגן קלינגען שיין:
אַ „כבקרת" און אַ „רצה",
אין „יעלהם" פלעגט מען זיך פאַרגיין...

אין דער קאַפּעליע — קאָן און ניימאַרק,
און דער בעל-בשר בישקע קאַץ...
און האַלטער תמיד מיט זיין מיחוש,
פלעגט גריבלען זיך אין קאַסטן זאַץ...

געוואָרן שיטערער די אַלטע,
אַלץ ווינציקער מיט יעדן יאָר.
געקומען איז אַן אַנדער „זמיאַנע",
געקומען איז אַן אַנדער דור...

געקומען דער פאַריין אויף דזשעלנע[16],
מען שטרייקט, מען איז אָרגאַניזירט...
צום ערשטן מאַי מען גייט מיט פענער,
ווי ס'האָט ביי לייטן זיך געפירט...

מען גייט מיט אייגענעם אָרקעסטער;
מען גייט מיט לאָזונגען אַ שלל;
אין בלוזעס בלויע, שלייפן רויטע. —
עס קלינגט דער „אינטערנאַציאָנאַל"...

ס'איז לאָזער קלאַג דער גאַנצער מנהיג
און פירט אַן מיט דעם דרוקער-פאָלק.
געוואָרן איז אַן אַנדער נוסח,
געוואָרן איז אַן אַנדער טאָלק...

אין זעצעריי עס קלינגען לידער,
ניגונים פון אַ נייער צייט...
ס'האָט זיך די דרוקעריי געענדערט,
אויך מיט מאַשינען זיך באַנייט...

עס קלאַפּט שוין אונטן אַ ראָטאַציע,
ווי טויזנט רוחות אין געדריי.
עס פליען צייטונגען און שווינדלען,
עס שיסט מיט פאַרבן אַלערליי...

עס זיצן ביי די לינאָטיפּן
דער ווילנער „סור"17) און צוקערמאַן,
און שקליאַר, און מאכלים — אַלע העלדן
פון דזשעלנע זענען דאָ פאַראַן...

אַ נייער דור און נייע פויגל,
און אויך די לידער זענען ניי...
זיצט שור ביי דער מאַשין און חלומט,
ער חלומט ביי דעם קעסל בליי.

געחלומט און אויך אויסגעחלומט:
אַרויסגעגעבן באַנד נאָך באַנד...

— — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

נישטאָ שוין די בעלי הלומות...
אַוועק מיט רויך, אַוועק מיט בראַנד! — — — — —

לאָדזש, 1947.

1) צבי פּרילוצקי, 2) דער פּלאַן פון יעדער צייטונגס־זייט, 3) נח פּרילוצקי,
4) הלל צייטלין, 5) מאַכט װײַבער (רוסיפיציזמען, װאָס דער אַלטער פּרילוצקי
פלעגט באַנוצן תמיד), 6) פּסעװדאָנים פון ב. יאָושזאָן, 7) נעענדערט פאַר װאַרשע־
װער אױפלאַגע, 8) פּסעװדאָנים פון ליפּאַ קעסטין, 9) פּסעװדאָנים פון אברהם ראָזענ־
פעלד, 10) הומאָריסטישער ראָמאַן אין פּאָרזעצונגען, 11) מנחם־מענדל הורװיץ,
12) פּסעװדאָנים פון זשורנאַליסט קאַפּראַװסקי, 13) פּסעװדאָנים פון בן ציון כילינאָ־
װיטש, 14) די פּראַקציע פון יידישע סיים־דעפּוטאַטן, 15) דער טעגלעכער פּאָליטישער־
לייט־אַרטיקל פון „מאָמענט" אונטערן זעלבן נאָמען, 16) אויף דזשעלנע גאַס איז
געװען דער לאָקאַל פון יידישן דרוקער־פאַריין, 17) שור. — צוליב דעם װאָס שור־
פלעגט אַלס װילנער פאַרבייטן אין רעדן דעם שין אויף אַ סמך, פלעגט מען אים
אין שפּאַס רופן „סור".

פון בוך
„ווערבעס ביים וואסער"

# װערבעס

פרידן צו אייך, מיינע װערבעס!
איר שטײט נאָך בײַם טײַך װי אַמאָל.
װאָסערן װיפיל פֿאַרשװומען
אַט דאָ אינעם הײמישן טאָל...

גרעבער די שטאַמען, די צװײַגן,
און רײַף די גרין־לאָקיקע קעפּ...
איך בין שוין אויך נישט דער זעלבער,
װאָס דאַן אויף דעם אָנהויב פֿון טרעפּ...

שטײט איר אַזוי זיך בײַם װאַסער
און װעט אַזוי דורות נאָך שטײן.
הימל פֿון אויבן, פֿון אונטן,
װי טײַך אײַער חלום איז רײן...

קומען די פֿרילינגס, די זומערס —
פֿאַר אײַך און פֿאַר אײַערע פֿרײד.
איך נאָר... עס האָט נישט אײן טרויער
די פֿרילינגען מײַנע פֿאַרװײט...

וועט מיר באַשערט זיין צו קומען
מיט לאָקן מיט גרויע צו אייך —
ווערבעס! איר וועט נאָך דאַן גרינען
און בליען ביים היימישן טייך...

ווען איך פאַרשליסן די אויגן,
אין היימישער ערד מיך פאַרגיין —
ווערבעס! אין האַרבסט-נעכט און רעגן
דערמאָנט מיך אין אייער געוויין — — —

1931

# מיין היים פון אַמאָל...

אַ הייפעלע הילצערנע כאַטקעס אין ערגעץ אַ טאָל —
דאָס איז זי, מיין אָרעמע ליטווישע היים פון אַמאָל.

אַ צערקווע, אַ קאָשציאָל, צוויי סטאַרטשען פון דעכער אַרויס.
נאָך קלענער, נאָך נידריקער דריקט זיך אַ הויז צו אַ הויז.

אַ לאָנקע, ווו ס'פּאַשען זיך קי און געפּענטעטע פערד,
און ביימן קאַרטאָפל אויף פרישער, אויף פעך-שווארצער ערד.

און פעלדער פון גריקע, פון ליין און פון קאָרן און ווייץ;
אַ וועלדל בעריאָזקעס, און זאַמדיקע בערגלעך פול רייץ.

אַ טייכל, וואָס בלאָנדזשעט און וואַנדערט דורך פעלד און דורך וועג,
עס מורמלט און נישטערט, און קיינמאָל געפינט עס קיין ברעג...

אַ הייפעלע הילצערנע כאַטקעס ליגט תמיד פאַר מיר —
צי זומער אין גרינקייט, צי ווינטער אין שנייאיקן ציר.

צי כ'וואַנדער אויף פעלזן, דורך זוניקע שטעט, צי דורך ים;
אין רויכיקע קנייפּעס; אין פרייד, צי ביים בעכער פון סם... —

מיין היים זע איך שטענדיק — די הילצערנע הייזלעך אין טאָל,
מיין אָרעמע ליטווישע היים פון אַמאָל, פון אַמאָל...

1932

# אויף מיין טאַטנס גערעסלעך...

אויף מיין טאַטנס שטילע געסלעך האָב איך איצט נישט קיינעם,
די הייזלעך ווערן טונקעלער פון יאָר צו יאָר;
ס׳בלאָנדזשען דאָרט אַרום מיט טלית-זעק גרייז-גרויע זקנים —
די לעצטע, לעצטע שאָטנס פון מיין טאַטנס דור...

אויף מיין טאַטנס קליינע געסלעך רוט אַ מרה-שחורה,
עס בייטן זיך די גייערס אויפן קרומען ברוק.
אין בית-מדרש זענען אַנדרע עולה צו דער תורה —
אַלע נייע פּנימער און פרעמדע אויפן קוק.

ס׳זענען מיינע „חדר״-פריינט צעשפּרייט ווו איבער ימען:
ווער ס׳איז אַ שרייפּעלע אין ניו-יאָרקס טרייב-מאַשין,
ווער ס׳איז „אונטערצינדער״ ווו פון „רעוואָלוציע-פלאַמען״
און ווער פאַריאָגט פון גורל איז ווער ווייסט וווהין...

אויף מיין טאַטנס שטילע געסלעך האָב איך איצט נישט קיינעם,
חוץ ליבע סטעזשקעלעך און וועגן, באַרג און וואַלד...
זוך איך נאָר מיין ע ב ר דאָרט, איך זוך אים און באַוויין אים,
און — „יזכור!״.... — זינגט מיר נאָך אַן אומזעבאַר געשטאַלט...

1938

# מיין באָבעס קרעטשמע

מיין באָבעס קרעטשמע ביי אַ ליטוויש דערפל קליין און גרוי.
אַ כאַטע הילצערנע, פאַרטונקלטע פון רעגנס, שניי.
די שייבלעך פלעגן פרי זיך אויסלעשן אין אָוונט-שעה,
באַגינען פלעגט שוין אויפוועקן פון האָן דער ערשטער קריי.

פון פויערים אין „סערמיגעס" פלעגט רודערן אין שטוב.
ס'פלעגט וויקלען זיך אַ ליולקע-רויך פון ביטערן טיטון.
ווער ברענגען פלעגט פאַרקניהנען אַ קערצל קאָרן, ווייץ,
און ווער אַן אייגן-אויסגעכאָליעטע און פעטע הון.

די באָבע פלעגט מכבד זיין מיט „פערציקער" די געסט,
מיט הערינג „מילכיקן" אין קילן עסיק צום פאַרביים.
און פלעגט זיך ווייזן ווען אַן אורח ייִדישער פון שטאָט —
אים פלעגט זי באַלד מהנה-זיין מיט זויער-מילך ווי אייז.

אַ קאַרגער וויאָרסט פון קרעטשמע רוישן פלעגט אַ וואַסער-מיל.
ביי טאָג, ביי נאַכט — ס'פלעגט שטענדיק דרייען זיך דער וואַסער-ראָד.
עס פלעגן לאַנגע „דראַבעס" אָנגעפאַקט מיט זעקלעך מעל
אַן אָפּרו ביי דער קרעטשמע מאַכן אויפן וועג צו שטאָט.

דאַן פלעגט פון „ווייסע" לייט דער באָבעס קרעטשמע ווערן פול.
צי זומער, ווינטער — ס'פלעגט דאָרט רודערן ווי אַ יאַריד.
בלויז אין ימי־נוראים פלעגט די קרעטשמע ווערן פוסט:
דאַן פלעגט מיין באָבעס הויזגעזינד אַוועק צו ש ט אָ ט
און יי ד ...

1937

# הזכרת נשמות

יזכור... אַ מורמלען פון גרויסע יתומים,
אַ וויינען בלחש פון אונטער טליתים.
עס וויגן זיך ליכט-פלעמלעך פרום, מיט הכנעה:
זיי בוקן זיך שטיל פאַר די געסט — פאַר די מתים...

יזכור... עס קומען נשמות און קומען,
עס שטייען אויף דורות פון אונטער די שטיינער.
געבליבן פאַרמאַכט זענען קברים נאָר אַלטע,
פאַרוואַקסן מיט מאָך, — וואָס ס׳דערמאָנט זיי שוין קיינער...

יזכור... עס ציען זיך שאָטנס דורך געסלעך,
פון אייביקע בערגלעך צו בתי התפילה.
אַ ים קאַראַוואַנען אין ווייסן, אין בלייכן, —
זיי שוועבן פאַרשלייערטע, שטומע און שטילע.

זיי זוכן זיך אוים יעדער איינער זיין יתום
און הערן זיך צו צו די טרעריקע ווערטער,
און באַלד נאָך „אל מלא...״ — צוריק דורך די געסלעך,
צוריק אין די טיפע און אייביקע ערטער — — —

1937

# נאָך סוכות אין שטעטל

פאַרטרויערטע, בלאַטיקע געסלעך,
אַ הימל אַ טריבער פאַרצויגן;
עס בלאָנקען אום יידן פאַרדאגהט,
מיט יאוש-פאַרלאָשענע אויגן.

צענומען די סוכות שוין אַלע,
צעוואָרפן דעם סכך און די שטאַנגען;
עס בלאָנקען אום יידן און טראַכטן
פון ווינטער פון גלותדיק-לאַנגן...

ס'איז פינסטער אין שטיבל אין טריבן,
עס קאַפּעט פון סטעליע דער רעגן;
און באָרוועסע גייען די קינדער,
און צרות אַריבער די ברעגן...

עס בייזערט דאָס ווייב זיך און בייזערט,
עס שעלט זיך די טאָכטער אין יאָרן...
„און ווי וועט עס זיין אַן קאַרטאָפל?"...
„און ווי וועט עס ווערן אַן קאָרן"...

„און ווי וועט עס זיין, ווען די בייזע,
די גרויזאַמע פרעסט וועלן קומען?" — —
עס בלאַנקען אום יידן פּאַרטוליעט,
עס שווייגן די בליקן און שטומען...

פון ערגיץ אַ פענסטער דערטראָגט זיך
אַ יינגלשער קולכל פון „חדר":
— „געוועזן איז דאַן תהו ובהו,
אין אָפּגרונט אַ חושך כסדר" — — — —

1937

# האַרבסט־שטורעם

ביינאַכט איז דער האַרבסט־ווינט
אין שטורעם געגאַנגען —
דורך פעלדער דורך וויסטע
דורך פעלדער אָן זאַנגען.

די בוימער, זיי האָבן
געקעמפט ווי די ריטער.
געפּאַטשט מיט די צווייגן,
געשמיסן מיט ריטער...

נאָר מעכטיק געווען
דער האַרבסט איז, דער שפּעטער,
און מהנותוויז זענען
געפאַלן די בלעטער.

אַ ראַנגלען פון ביימלעך,
אַ גסיסה פון גראָזן —
דער האַרבסט האָט פאַרביסן
אין האָרן געבלאָזן.

געפליקט און געריסן,
געפליקט און געליאַרעמט...
ס'האָט בלעטל מיט בלעטל
פון שרעק זיך געאָרעמט...

און ווען ס'איז דער גרויער
באַגינען געקומען —
פול בערגעלעך־קברים
פון בלעטער און בלומען...

1930

# פרילינגס־שפּאַציר

(קינדער־מאָטיוו)

קינדער, ס׳רופט דער פרילינג!
שנעלער צום שפּאַציר!
גלייכט זיך אויס אין שורות,
שורותווייז צו פיר.

זעט, שוין גרין די לאָנקע.
זעט, עס בליט אויפסניי! —
בלאָסע בעקלעך ווערן
פרישע ווי דער מאַי...

זעט, עס ציען שוואַלבן —
שנירלעך אין דער לופט.
פון די פרישע סעדער
וויעט עס מיט דופט.

זעט, אַט ציט אַן אַקער.
שלעפּט זשע, פערדלעך — וויאָ!
זיין זאָל וואָס צו שניידן
אין אַ גוטער שעה.

אָט־אָ גרינט שוין קאָרן,
נאָך פון האַרבסט פאַרזייט. —
וואַקסט זשע העכער, גרעזלעך,
וואַקסט געזונטערהייט!

זעט איר אויפן שייער
ווער ס'פאַריכט זיין נעסט?
שוין פאַראַן די בושלען —
ליבע, יוסטע געסט!

קלאַפּן מיט די שנאָבלען,
מייסטרעווען אַזוי...
לאַכט אַראָפּ דער הימל
קינדיש־ריין און בלוי.

1930

# ווינטער־לאַנדשאַפט

זון און שניי,
זון און שניי,
ווייס דער וועג און ווייס דאָס פעלד.
גלאַנצט עס ראָז,
גלאַנצט עס בלוי,
און עס פורפורט און עס העלט.

זון און שניי,
זון און שניי,
דערפל ווייסט זיך אין אַרום:
כאַטעס קליין,
שייערס קליין
אונטער ווייסע היטלען שטום.

זון און שניי,
זון און שניי,
און אַ ווייסער שטילער וואַלד.
— קראַ־קראַ־קראַ!
— קראַ־קראַ־קראַ! —
עמיץ פליט דאָרט, עמיץ פאַלט.

שוואַרץ און ווייס,
שוואַרץ און ווייס —
אותיות שוואַרצע אויפֿן שניי...
— קראַ-קראַ-קראַ!
— קראַ-קראַ-קראַ! —
דאָ אין קרייז און דאָ אין ריי.

זון און שניי,
זון און שניי.
ליגט אַ וועלט אין כשוף-גלאַנץ.
זילבער, גאָלד,
בלוי און גרין,
און אַ שוואַרצער קראָען-קראַנץ...

1938

# אַ האַרבסט־פּייזאַזש

עס ליגן פעלדער נאַקעטע, שוין דאָ און דאָרט פאַראַקערטע.
אַ נעפּל — זילבער־ליילעכער — אין טאָל צעשפּרייט זיך ברייט.
פאַרלעגט פול אַלע שייערן מיט סנאָפּעס נישט־געדראָשענע.
אין גאָרטנס קירבעס בייכיקע זיך געלבן פונעם בייט.

פון הינטער די געפלאָכטענע פאַרשימלט־גרינע פּאַרקאַנדלעך
שטום ווינקען אַסטרעס קוסטעסווייז מיט שמייכלען בלוי און העל.
עס שפּרינגען פערד געפּענטעטע אויף לאָנקע אויף באַגראַזיקטער.
אַ פּאַסטוך אויף אַ ווערבע־פייפל טרילערט טרעל נאָך טרעל.

עס קרייען יונגע הענער שוין, דערוואַקסן שוין און האָפּערדיק;
זיי יאָגן זיך אויף וועג אַרום מיט גליענד־רויטן קאַם.
אַ פערדל ציט אַ גאַנצן באַרג — אַ וואָגן קאַנישינע פול, —
צעשפּרייט עס ריחות דופטיקע, וואָס זענען מלא טעם.

אין סאַד נאָך הענגען עפּל פיל — ראַנעטן געלבלעך־באַקיקע;
מיט קופּעס אויבס איז אָנגעפּילט דאָס שטרויענע געצעלט.
אַ ייד גייט אום אַ בערדיקער, אין טלית־תפילין אָנגעגורט.
אַט האָט ער ביי אַן אַלטן בוים שמונה־עשרה זיך געשטעלט.

1937

# מיין היים

מיין היים! ביסט איצט מחיה מתים
וואָס אָפּגעשטאָרבן לאַנג אין מיר.
ס'קומט אָפּט דער טויט אין מיר — ווער ווייס אים
דורך וועלכן טויער, וועלכע טיר.

ר'טויט־אָפּ וואָס כ'האָב אַמאָל געקליבן
און אָנגעזאַמלט אין מיין האַרץ.
ס'איז בלויז דער הויך אין טיף געבליבן
פון זיינע פליגל פינצטער־שוואַרץ.

איצט גיי איך, היים, אויף דיינע וועגן
און זאַמל, זאַמל אויף דאָס ניי, —
כאָטש כ'ווייס: ס'איז אויך פאַר ז יי נ ע ט ו ו ע ג ן.
ע ר וועט פאַרלעשן סיי־ווי־סיי!

כ'טרינק זון, כ'טרינק גאָלד פון דער לבנה,
איך נעם מיר אָן מיט פעלד און זאַנג!
נאָר כ'ווייס: קיין גאָט און קיין מאַדאָננע
וועט שיצן עם פון אונטערגאַנג — — — —

1928

# נאַלעווקעס

עס ברויזט דער גרויער שטראָם אַ קיילעכדיקע וואָך.
אויף שמאָלע טראָטוארן ציט ער זיך געדיכט.
עס טראָגן יידן איינגעבויגענע דעם יאָך,
די אויגן זעען נישט פון טאָג דאָס ווייסע ליכט...

עס יאָגט דער גרויער שטראָם אין קרעמערשן געיעג.
סך־הכלם גרילצן גראַשענע: „געקויפט!"... „פאַרקויפט!"...
ס'איז וועמענס גורל — טראָגן פעקלעך גאַנצע טעג;
ווער מיט די „קורסן" פון דער בערזע האַסטיק לויפט.

ווער „קרעדיט" — „דעבעט" זעט נאָר איילנדיק אין גאַס;
ווער ס'האָט אַ קאָפּ געפּילט מיט טוך, צי באַקאַליי...
שנעל! שנעל! גאַלאָפּ! צי פרילינג איז, צי קאַלט און נאַס —
אַלצאיינס! די זון איז קיין „פּרנסה" נישט פאַר זיי! — — — —

נאָר „האַנדל"! „האַנדל"! ס'יאָגט דער גורל ווי מיט פערד.
שנעל! שנעל! „געקויפט"! „פאַרקויפט"! — אַ קיילעכדיקע וואָך!
און ערגעץ גרינען פעלדער, ערגעץ שוואַרצט זיך ערד,
אין אַלטע וועלדער לאָקן טעפּיכער פון מאָך — — —

וואַרשע, 1931

# דורך שלייערן

איך קוק אויף אַלץ פון ווייט דורך שלייערן און פּריזמען —
כ'האָב פּיינט די פאַרב די אמתע פון גרויער וועלט.
פיל רייכער די נשמה, גלויבעוודיקער איז מען,
ווען אָפּגעשיידט און ווייט מען בויט זיך אַ געצעלט.

און וויל איך — קוקן ווי פּאַלאַצן אוים רואינען,
און וויל איך — שפּילן כשוף־פאַרבן אין אַ טרער...
אין יאָמער הער איך זיגער־שפּיל אויף טאַמבורינען,
אין שקלאַף דערזע איך גאָר דעם צוקונפטיקן הער...

1937

# פליענדיקע באַנען

כ׳האָב מפקיר געווען מיין גורל
דעם ריטם פון פליענדע באַנען.
און כ׳האָב זיך אין אימפּעט פאַרגעסן
ווו ס׳איז גאָר מיין היים־צעלט געשטאַנען.

עס האָבן מיין בלוט מיר פאַרשיכורט
די נעצן פון שטאָלענע שלאַנגען,
וואָס שניידן דורך בערג זיך, דורך טאָלן,
דורך סטעפּעס, דורך וואַלד און דורך זאַנגען.

עס וויקלט די ערד זיך פאַנאַנדער,
עס רייצן די ווייטן, אין־סופן...
אָ, טראָג מיך, דו שטאָלענער אָדלער!
ס׳איז וועלט, ווי מיין האַרץ, איצטער אָפן.

איך וויל צו קיין ברעג גאָר נישט גרייכן,
עס איז נאָר מיין רו אינעם שוועבן.
דעם ריטם פון פליענדע באַנען
געהערט איצט מיין פלאַטערדיק לעבן — — —

1937

# דאָס געזאַנג פון פרייד

(סאָנעט)

ס'איז פעלזיק־שווער דיין דריקנדיקע משא, גרויזאַמער שיקזאַל!
דאָך כ'בויג מיין רוקן קיינמאָל נישט צו דר'ערד, איך פאַל ניט מיד.
מיך נערט אַ גרויסע פרייד — אַ קוואַל, וואָס תמיד רוישט און זידט.
כ'פאַרזינג אַ יעדע זילבער־האָר, וואָס טוט שוין ווען פון קאָפּ
אַ שטראַל...

זיי חורבן אויף מיין וועג! מיט שוואַרצן טויט דו פינצטער
אינדערמיט —
אומזיסט! מיך וועסטו נישט באַצווינגען, שטאַלענער שיקזאַל!
עס קלעקט מיר פרייד אויף טרויער־טעג — אַן אוצר פרייד, אַ שלל!
צעווישן טויטע שאַרבנס קאָן איך זינגען אויך מיין לעבנס־ליד.

כ'וועל לעבן אין געזאַנג און — קומט יענץ רגע — אויסגיין
אויך אַזוי.
עס טרינקט זיך דאָך אַ וועלט אַ גאַנצע אין געזאַנג און קלאַנג.
עס זינגט דאָך יעדעס בוימל, גרעזעלע, ס'זינגט יעדע זאַנג.

ס'איז אויך אויף מיר געפאַלן הימלס פרישער, זאַלבנדיקער טוי,
און ס'זינגט פון מיר אַרויס אין כאָר דער הימל און די ערד,
און ס'איז אפילו שטאַרבנדיק צו זינגען מיר באַשערט! — — —

1928

# הימן

דו מאָרגן־זון! פאַרכליניעט לויף איך אום פעלד־אויס, פעלד־איין
פון דיין צעפלאָסן גאָלד, וואָס גיסט זיך פון דער הויכער הויך.
היינט האָב איך ליב די גאַנצע וועלט, איך קוש היינט יעדן שטיין,
כ'האָב ליב דעם דאָרן און די שלאַנג, כ'האָב ליב — די מענטשן
אויך...

איך וואַרף פון האַנט דעם גליוועך־קאַלטן בעכער סם אַוועק,
וואָס מיינע ליפּן האָבן שוין אָט־אָט שיעור נישט באַרירט...
צום טייוול! וואָס־זשע טויג עס מיר דער שוואַרצער קבר־דעק,
ווו גוף —אַ מאָלצייט פאַר די ווערים און נשמה פּרירט?...

דו מאָרגן־זון! היינט שליס איך מיט דער וועלט אַ נייעם בונד.
איך בלייב, איך בלייב נאָך אויף דער ערד, ווו דו ביסט, זון, פאַראַן!
עס ציט צו דיר דאָך יעדעם ווערימל פון ימים־גרונט,
צי פון יבשה, ווו עס קאָן נאָר טון איין־איינציק שפּאַן...

כ'וועל בענטשן דיך צוזאַמען היינט מיט שמעטערלינג און בין,
וואָס זינגען אויס פאַרשיכורטע אַ הימן צו דיין ליכט.
דו מאָרגן־זון! האָסט היינט פאַרכליניעט מיר מיין האַרץ, מיין זין,
היינט פריי איך זיך צוזאַמען מיט „גאָטס קיעלע”, וואָס קריכט — —

1931

# זאָל זיין...

זאָל זיין, ס'איז בלויז אַ בלויער חלום
דאָס גאַנצע ז יי ן!
אַ שפּיל פון זון אויף ערד — מער גאָרנישט,
אַ שטראַל, אַ שיין.

זאָל זיין, אַז אייביק איז נאָר לערקייט,
אַז וואָר בלויז — נאַכט...
איז גוט כאָטש אין דעם אין־סוף־חושך
אַ רגע פּראַכט!

איז גוט כאָטש, וואָס אין בלויען חלום
שטראַלט אויף מיין זעל. —
כאָטש ס'יאָגט גאַלאָפּ אוראַלטער תהו,
דוי שדים שנעל!...

1938

# אויף אַספֿאַלט־ראָגעס...

אויף אַספאַלט־ראָגעס פון דער גרויער שטאָט
פאַרקויפן מיידלעך ערשטע בלימלעך בלוי —
נאָך יונג און צאַרט, נאָך מיטן ערשטן טוי...
אויף אַספאַלט־ראָגעס פון דער גרויער שטאָט...

עס איילן מענטשן איילעוודיק פאַרביי,
בלייבט דער און יענער ביי די בלימלעך שטיין:
— „אַך, פרילינג!”.... — „אַך, ווי הערלעך!... — „אַך, ווי שיין!”...
אויף אַספאַלט־ראָגעס כשופט בלויער מאַי...

בלויז ווער־נישט־ווער אַ בלימל נעמט זיך מיט —
ווער ס'וויל פ אַ ר ש פּ י ל ט ע י ו ג נ ט זען צוריק...
ער קושט די בלעטעלעך און ס'זעט זיין בליק:
די ווייטע היים... אַ גאָרטן וויים צעבליט...

און קנייטשן, לאַנג צעאַקערט, ווערן גלייך —
ווער ס'טוליעט צו די בלימלעך זיין געזיכט;
עס קריגן אויגן לאַנג־פאַרלוירן ליכט;
צוריקוועגס שווימען יאָרן, ווי אַ טייך — — —

1935 אויף אַספאַלט־ראָגעס פון דער גרויער שטאָט...

# אויף אַ פּשוטער לאַנקע...

אויף אַ פּשוטער היימישער לאַנקע,
ערגעץ הינטערן היימישן שטעטל —
וואָלט זיך וועלן אַ פאַל טון און ליגן,
אַזוי שווייגעוודיק רוען און טרוימען...
ס׳זאָלן בלאָנדזשען די בליקן אין הויכקייט,
צווישן שניי־ווייסע וואָלקנדלעך־סטאַדעס;
ס׳זאָלן מאַמעדיק קושן דיך שטראַלן
דורך די בלויע צעוואַרימטע רוימען.

אויף אַ פּשוטער היימישער לאַנקע...
ביי אַן אַלטער צערחבותטער ווערבע,
אין דער שכנות פון היימישן טייכל —
וואָלט איך וועלן אַ פאַל טון און ליגן...
וואָלט איך ליגן, און רוען, און טראַכטן.
ס׳וואָלט דאָס היימישע לויטערע טייכל,
וואָס עס בלאָנדזשעט אַזוי דאָרט פון דורות,
מיטן ניגון פון עבר פאַרוויגן...

אויף אַ פּשוטער היימישער לאַנקע...
וואָלסט אָן אַלץ זיך פאַרגעסן אינגאַנצן —
אָן די שטורעמס, וואָס זענען אַריבער,
אָן דעם פרילינג, וואָס איז פאַרשוווּנדן...
פון די מאַכיק-פאַרוואַקסענע בערגלעך
וואָלטן אויפשטיין דאָן צאַרטע געשטאַלטן...
און ווער ווייס... צו דער טריבער נשמה
וואָלטן  י ע נ ע  חלומות געקומען — — —

1935

# די זומערס, וואָס קומען...

די זומערס צעזונטע, וואָס קומען און בלענדן,
די סאַזעווקעס גרינע אין זיידענע שאָטנס,
די שוואַנען די ווייסע, וואָס טרוימען אויף זיי... —
דאָס אַלץ לאָזט נישט אויסגיין דעם חלום דעם לעצטן,
און ס'בלייבט אויף די ליפּן פאַרגליווערט די קללה,
און בענטשן נעם איך, ווען ביים ראַנד שוין איך שטיי...

די נעכט די צעבלויטע מיט הימלען אָן סופן,
די שטערן צעקראַנצטע אויף נאַכטישע הויכן,
די טייכן צערוישטע אין טונקעלער ווייט... —
דאָס אַלץ האַלט געפאַנגען מיין האַרץ און נשמה,
און גלויבן קומט ווידער, וואָס לאַנג שוין צערונען,
און ס'לעבן רייצט ווידער, ווי פרויען פאַרשייט...

1935

# אונטער קלאָרן שניי...

אונטער קלאָרן שניי ליגט היינט די גרויסע שטאָט,
די גרויע חורבה ווי דער מאַרמאָר-שלאָס.
ס'האַלט שוין מן הסתם פון ג ל ײ כ ק ײ ט היינט אויך גאָט:
ס'איז ווייס פאַר קנעכט ווי פאַר דעם באַלעבאָס...

ליגן גאַסן, גאַסן אויסגעצירט אין ווייס
און קיינער זעט נישט היינט די שוואַרצע נויט.
אפשר האָבן היינט אויך א ל ע מענטשן שפּייז
און קינדער אָרימע צו-זעט דאָס ברויט?...

אונטער קלאָרן שניי ליגט היינט די גרויסע שטאָט,
אַ ווייסע וועלט איז היינט פאַר אָרעם, רייך.
ס'שיט מיט ווייסע שטערן היינט אויף אַלע גאַט,
אויף טראָנטעס, גראַנאַסטאַי — אויף אַלע גלייך...

1935

# צווישן טאַנגאָס

צעווישן טאַנגאָס זיסלעכע, סענטימענטאַלע,
ווו פאַרלעך וויגן זיך אין טאַנץ גאַלאַנט —
ס'איז גוט פאַרגעסן זיך אַזוי און זיין ווי אַלע,
נישט זיצן איינזאַם ביי אַ טישל לעם דער וואַנט...

פאַרנייג זיך אויך דיין שיינער שכנטע דערנעבן
און דריי זיך אויך אַוועק מיט איר אין שטילן טאַנץ. —
טאַנץ, טאַנץ... ס'קאָן אויך דער קלענסטער צופאַל גליק דיר געבן,
אפילו, דוכט, אַט צווישן מענטשנס פוסטן גלאַנץ...

צעווישן טאַנגאָס זיסלעכע, סענטימענטאַלע,
ווען שמייכלען רייצן דיך, ווען אויגן זאָגן-צו — —
נישט אַלע קאָנען זיין ווי דו — זיי דו ווי אַלע.
די פרייד איז אַזוי פשוט — פשוט זיי אויך דו — —

1935

# רעגן

עס איז דער טאָג אין טרערן היינט געבוירן.
זיין קאָפּ אין אַש, אין גרויען אַש.
גיסט עס היינט אַ גאַנצינקן פרימאָרגן.
גלאַנצן אונטן קאַלט שוין אויסגעווייינטע שטיינער.
שווידערן פון טראָפּעלעך די וואַסערלעך אין גאַס.

עס איז דער טאָג אין טרערן היינט געבוירן.
גיסט עס היינט אַזוי... ז י  וועט נישט קומען...
עס האָט נישט ליב איר שיכעלע קיין נאַסן שטיין,
איר באַק — קיין הימל־טרער...
איר שטיבל ווייט, דורך גאַסן, ווייטע גאַסן.
זי בליקט מסתם צו פייכטער שויב
און קרימט זיך: „ניין...
איך וועל נישט גיין..."
און לאָזט אַליין — — —
און לאָזט מיך דאַ אַליין — — —

עס איז דער טאָג אין טרערן היינט געבוירן.
שטיי איך שעהן־לאַנג ביים קאַלטן פענסטער.

דאָרט אונטן איילן מעשה-שטן מיידל-שאָטנס...
טריטלעך... טריטלעך... איינס, און צוויי, און דריי...
טריפּ-טראָפּ, טריפּ-טראָפּ...
פון אויבן שירעמס וויגן זיך — אַ רעטעניש: נו, טרעף... —
אַך ז י ?... ניין, ניין!
אומזיסט! זי וועט נישט גיין...

זינג איך מיר אַ לידעלע אָן ווערטער.
איך זינג אַרוים אין כמאַרעדיקער גרויקייט
פון מיידעלעך, וואָס לאָזן שעהן וואַרטן,
פון שיכעלעך, וואָס ליידן נישט ווען גאַס איז נאַס,
פון בעקעלעך, וואָס דולדן נישט קיין הימל-טרערן — —

עס איז דער טאָג אין טרערן היינט געבוירן.
עס ברענט מיין האַרץ אין זיינע סנהיק-ווייסע פלאַמען
און וויל נישט אונטערגעבן זיך דעם זינען:
„זי וועט דאָך זיכער שוין נישט קומען"...

1928

# אין אַ וויסן פּאַרק

זוויס אין יונגן פּאַרק — ס׳בליט אומעטום אַקאַציע,
ס׳בלענדט די שפּעדיקע ווייסקייט און פאַרבלענדט;
עמיץ בלאַנדזשעט צווישן בוימער דאָ אין וויסן:
ס׳איז דער יוגנטס אָפּבילד — כ׳האָב זי באַלד דערקענט...

העל דער בליק און לאָקן יונגע, פּוכיק־בלאַנדע,
ווי אַ ווייסער כרוב אָט באַלד צום שוועבן גרייט...
כ׳גיי איר ווי אַ שאָטן נאָך — איך וויל געגענענען,
נאָר אָט האָט זי, דוכט, די פליגל שוין צעשפּרייט...

זוויס אין יונגן פּאַרק — ס׳בליט אומעטום אַקאַציע.
שיט זיך, שיט זיך ווייסקייט פון די בוימער פריש.
שטראָמט אַ שכרות, שטראָמען דופטן און באַרווישן,
און באַרווישן אין חלומות ווי האַשיש — — —

1935

# נאַכט אין די בערג

פון הימלען שטיל נידערט די נאַכט
און נעמט זיך מיט פעלזן אַרום.
דאָרט אויבן אַ וואַלד רוט פאַרטראַכט
און שטערנדלעך ציטערן פרום.

עס וועבט זיך אַ חלום פון וועלט,
אַ חלום פון אוראַלטער צייט —
ווען מענטש האָט דאָ טריט נישט געשטעלט,
ווען הימל געווען אַזוי ווייט...

ווען ס'האָט נאָך קיין האַק נישט געשפּירט
די ווילדקייט פון פעלד און פון בוים;
ווען ס'האָבן קיין שטעגן געפירט
צו וואָלקנס, צום הויך-בלויען רוים.

און ס'ליגן אַזוי אין דער שטיל
די פעלזן געאָרעמט מיט נאַכט, —
ביז זון טוט מיט שטראַלן אַ שפּיל
און מענטש — דער באַהערשער — דערוואַכט.

ער קלעטערט דעם פעלז אויפן קאָפּ,
דער פעלז ווערט דאַן אָרים און קליין.
עס פאַלן די הויכן אַראָפּ,
ווען ס׳קומען די מענטשן צוגיין...

1933

# קאָפּענהאַגען

אַ שטאָט פון שלעסער און מוזייען,
וואָס רעדן פון אַ ריטער-צייט.
עס קומען שיפן, שיפן גייען
פון ווייטער וועלט, אין ווייטער ווייט.

דאָ זענען מענטשן קאַרג אויף ווערטער;
מען שווייגט, ווי ס'שווייגט דאָ אָפט דער ים.
אין „טיוואָלי"*) — פאַרוויילונגס-ערטער! —
אויך דאָרט איז אַלץ אין מאָס, אין צאַם...

עס זענען קאַרג אויך און פאַרשלאָסן
די פרויען פון דער צפון-שטאָט:
אויב שמייכלען — איז עס בלויז צום חתן...
אויב קושן — לויט ציוויל-געבאָט...

דאָ קוקט די פרוי אויף גאַס און מענער
דורך פענסטער-שפּיגעלעך ביים שויב.
עס זענען שטרענגע לייט די דענער,
די פרוי מוז ריין זיין ווי אַ טויב...

נו, שלאָפט די שטאָט שוין צען אַזייגער
און ליגט אין פריד, און ליגט אין רו.
בלויז פּרעמדע — פון אַ שיף, אַ שטייגער, —
זיי „בומלען” נעכטלעך וואו-נישט-וואו...

אַ שטאָט פון שלעסער און מוזייען.
ט ה אָ ר וו אַ ל ד ס ע נ ס  גייסט שוועבט אומעטום.
עס קומען שיפן, שיפן גייען.
סירענעס-גרוס דעם אַלטן רום!

1928

*) „טיוואָלי” — איינער פון די גרעסטע לונאַ-פּאַרקן אין אייראָפּע.

# פאַריזער מאָטיוון

I

## אויף שטילן סען...

אויף שטילן ס ע ן פאַרחלומט שווימט דאָס בלויע שיפל,
ווי אַ לונאַטיקער, וואָס בלאָנדזשעט אום פאַרטראַכט.
אין טיפקייט — פייערן, ווי גאָלדענע חלומות.
פון ביידע ברעגעס שאַלט און רוישט: פאַריזשער נאַכט!

עס גליטשט דאָס שיפל זיך דורך טונקלקייט פון בריקן.
פון אויבן וואַרפט מיט שטראַלן אַלעקסאַנדער־בריק.
סען־קלו. אַ מינאַרעט. אָט פינסטערט וואַלד בולאָנער.
עס שוועבן אויפן ברעג די אויטאָס הין־צוריק.

אויף שטילן ס ע ן פאַרחלומט שווימט דאָס בלויע שיפל,
און ערגעץ בלייבט עס שטיין — אַ רוישיקע קאַפיי.
אַ דזשאַז, און וויין, און טענץ... צעהוליעטע געמיטער.
ציגיינער־קינסטלער, צי אַפּאַשן — כ׳בלייב מיט זיי!

II

## העי גאַרסאָן ...

העי גאַרסאָן! צוויי ווײַן פאַר מיר און פאַר מײַן דאַמע.
העלער, ראָזער זאָל צעפלאַמען זיך די לוסט!
שיכור בין איך אין דער שטאָט פון טויזנט פרייִדן, —
כ׳האָב נאָך פון אַ פרייד אַזעלכער נישט געוווּסט.

ס׳ברויזט די פרייד פון בונט־צעפלאַקערטע בולוואַרן.
ס׳זינגט און יובלט יום־טובדיק פאַריזשער נאַכט.
ס׳רוימט מײַן דאַמע מיר: „שערי" און קושט אין אויער,
און זי האָט די לוסט אין מיר אַרײַנגעלאַכט.

העי גאַרסאָן! צוויי ווײַן! שוין ווידער לער די גלעזלעך.
ס׳גאַרט פאַרטרינקען זיך מײַן צפונדיק געמיט.
הײַנט, מײַן דאַמע, טרינקען מיר ביז גרוי באַגינען,
ביז פײַערן מאָנמאַרטערס בלאַס און מיד — —

III

## ווערסאַיל.

די הערשער ליגן אין מוזייען,
אין סאַרקאָפאַגן שטאַר און שטום;
אין טויטן מאַרמאָר גאַנצע רייען
זיי רינגלען דאָ די ווענט אַרום.

די לודוויקס-קייט, צי באָנאַפּאַרטע —
נאָך וועמען שאַנד, נאָך וועמען לויב... —
די זין פון מאַרס און פון אַסטאַרטע,
עס רוט אויף אַלץ פון צייט דער שטויב.

אין לייוונטס פון רובענס געבליבן
די קרוינען און די ריטער-שווערד.
עס האָט די צייט שוין אַלץ פאַרריבן,
דעם עבר נאָר דאָס אַלץ געהערט.

מען קומט דאָ איצטער ווי פּילגרימען
פון יעדן פאָלק, פון יעדן לאַנד.
איצט הערט מען קלינגען פרייהייטס-שטימען.
ס'איז סצעפּטער — ראָסט און טויט זיין האַנט...

איצט טרעט דאָס פאָלק אין שלאָס-אַלייען.
די סטאַוון ליגן שטום צעשפּרייט.
עס ציען מענטשן, מענטשן גייען.
עס קומט אַ דור, אַ דור פאַרגייט.

פּאַריז, 1929

# צו אַ פלעמין

דו יונגע פלעמין! פלאַפּלסט קינדיש.
עס איז מיר פרעמד דיין פאָלק, דיין שפּראַך.
כ'פאַרשטיי נישט פיל פון דיינע ווערטער,
דאָך קושן קוש איך דיך אַ סך...

דאָס איז די שפּראַך, וואָס קען אונדז בינדן,
דערין פאַרשטייען מיר זיך ווויל...
איך ווייס נישט, צי דו גלויבסט אין יעזוס,
איז נאָנט דיר לוטהער, צי קאַטויל?

עס הויבט מיך גאַרנישט אָן צו אַרן,
ווען ביידע זיצן מיר אַליין;
ווען ווייך דער זאַמד פון הויכע דיונעס... —
(ס'וואָלט דאָן אויך ווייך געווען אַ שטיין...), —

ווען ווייך דער זאַמד פון הויכע דיונעס,
ווען ווערטער רעדט צו אונדז דער ים.
מיר ביידע ווערן דאָן א יי ן שטורעם,
מיר ביידע ווערן דאָן א יי ן פלאַם...

עס איז איעדער גאָט אונדז מוחל —
צי גאָט ישראלס, צי קריסטוס...
מיין פלעמין! בענטש מיט מיר צוזאַמען
די שעה פון צ ו פ אַ ל און גענום — — — —

בלאַנקענבערג, 1929

# איך קום פון אַ ים...

איך קום פון אַ ים, פון אַ בלויקייט,
פון כוואַליעס-געיאָג;
פון מעוועס, וואָס בלענדן אין הויכקייט
אין גאָלדענעם טאָג.

איך קום מיט גערויש און מיט ברומען,
מיט הפקרן ווינט... —
כ'האָב אַלץ דאָס מיט זיך מיטגענומען,
אין מיר עס פאַרשפּינט.

איך קום פון אַ ים, פון אַ בלויקייט,
צו מענטש און צו שטאָט. —
האָט שטאָט מיך באַגעגנט מיט גרויקייט,
מיט זשאַווער, אַ גאָט!

מיט זשאַווער, וואָס פאַלט אויף נשמה
און פרעסט זי ביז פּיין...
אָט באַלד — פון מיין ים וועט מסתמא
קיין זכר שוין זיין...

1933

# אין אַ דאָרף

ס׳איז צעשוווּמען די שטאָט ווי אַ חלום אַ וויסטער
פון אַ שוואַרצער, קאַשמאַרפולער האַרבסטיקער נאַכט.
ווערט געבוירן אַ טאָג פול מיט יונג-בלוט און שמייכלען
און אַ זון אין דער דאָרפישקייט הויך זיך צעלאַכט.

דרינגט אָן אור-פרייד אין האַרץ, פרייד פון תחית המתים.
רופט דער זומער און צאַפּלט אין קריי פונעם האָן.
ווערסטו ממש פאַרכאַפּט פון די סטאַדעס אין לאָנקע.
גלייך ווי ס׳הויבט זיך פון בראשית דיין לעבן איצט אָן...

ס׳ליגן הויפנס פון פרייד אויף די דאָרפישע וועגן,
אויף די מאָך-גרינע בריקלעך פון פעלדערשן טייך.
ס׳איז די הייליקסטע רו אויפן זאַמד פונעם ברעגל,
בשעת ווינט-מיל דיך גריסט מיט זיין פליגלשן שלייך.

עס ווערט פעליק דיין גוף פונעם דאָרפישן שוואַרץ-ברויט.
עס ווערט גלויביק נשמה פון העל-בלאָנדע צעפּ...
גלייך ווי ס׳הויבט זיך דיין ליבע ערשט אָן פון בראשית,
ווערסטו שכור פון בלויקייט, ווערסט פריי ווי דער סטעפּ — — — —

1935

# ביי ווילדע וואַסערן

עס יאָגן זיך אין ווירבל פרילינגס־שטראָמען רויע,
עס שוימען ווילדע וואַסערן אַלץ טייך אַראָפּ.
אויף ראַשע כוואַליעס רייטן קריעס ווייסע, גרויע.
געדרויש און טאַנצעניש, אַ הפקרדיק גאַלאָפּ!

עס טראָגן קריעס פּיל אויף זיך נאָך ווייסע קרוינען —
אַ זכר פון דעם ווינטערס שפּעדיקן שניי,
דו קוקסט פון ברעג, דו קוקסט פול אומרו און פול שטוינען.
די שטראָמען פליען, פליען — פליסטו אויך מיט זיי...

עס איז אַ יאָגעניש אָן גרעניצן, אָן ברעגעס,
עס רייסט דיך מיט אין ווייטער בלויקייט, אין אין־סוף...
ס'איז פרעמד דיר שטאָט, ס'איז פרעמד דיר מענטש אין יענע רגעס.
גלייך וואָלסט זיך אויפגעכאַפּט נאָר־וואָס פון קינדער־שלאָף.

יאָ, יאָ, פון קינדער־שלאָף... און פרילינג איז אין דרויסן...
און וואָס געווען, איז קיינמאָל גאָר נאָך נישט געוועזן...
ס'האָט דיר געחלומט פון אַ מענטשן שוין אַ גרויסן,
ווייל נעכטן האָט מען דיר אַ מעשהלע געלעזן — —

1938

# האַרבסט־אַקאָרדן

## I

## נאַכט און רעגן...

נאַכט און רעגן, נאַכט און רעגן
אויף די בלינדע, פוסטע וועגן.
הימל חושך, הימל שוואַרץ,
ווי אַן אבלס טרויריק האַרץ.
דאָ צעיאָמערט זיך אַ ווינט,
דאָרט — אַ מחנה וואָגלער־הינט.
און עס גייט אַ וויסט געברום,
אַ געיאָמער אומעטום:
דורכן וואַלד און דורכן פעלד,
דורך דער עלנט־שוואַרצער וועלט...
נאָר עס הערט נישט קיינער מער:
ערד איז וויסט און הימל לער...

נאַכט און רעגן, נאַכט און רעגן
אויף די בלינדע, וויסטע וועגן...

II

# הבל הבלים...

הבל הבלים... שטיל זינגט דערווינט
און רוימט דעם סוד איין די צווייגן.
גאָלדענע בלעטער פאַלן אַצינד,
בלומען שטאַרבן אין שווייגן.

הבל הבלים... אומעטיק ווערט,
דאָס פעלד ווי נאַקעט, ווי אָרים.
וויסטע די נעסטער, פאַרשטומט, צעשטערט,
הפקרדיק בלעטער-קברים...

הבל הבלים... דער הימל שוואַרץ
און טראָפּנסווייז גיסט ער טרערן.
טרוימען לעשן זיך אויס אין האַרץ,
גלייך ווי אויבן די שטערן — — —

1937

# שפּעט־האַרבסט

## א.

### גסיסה-שמייכל

ווי קורץ די טעג, ווי פריצייטיק זיי שטאַרבן!
מיט אומרו רוישט דער חשכותדיקער וואַלד.
בלויז ווען-נישט-ווען דורך מרה-שחורה-נעפּלען
פון בלאַסער זון אַ גסיסה-שמייכל פאַלט.

נעכט פינסטערע און לאַנגע אָן איין שטערן;
נעכט בלינדע, שוואַרצע ווי דער טויט אַליין...
עס רוישן סאָסנעס, רוישן און פאַרוויגן
אין לאַנגן טרויער-חלום פון פאַרגיין — — —

## ב.

### אַ גאַנצע נאַכט...

אַ גאַנצע נאַכט געשווידערט האָט מיין פענסטער,
עס האָט געריסן זיך אַ הפקר-ווינט. —
און כ'האָב פאַרנומען דורכן ווינט אַ יאָמער
פון הונגעריקע, נע ונדע הינט.

און שפּעט, אין גרוי, געמבולט האָט אַ רעגן,
אויף שויב געראונען שנעל איז טרער נאָך טרער:
דאָס האָט דער הימל נישט געקאָנט פאַרטראָגן
די עלנטקייט — און האָט צעוויינט זיך שווער...

ג.

## אַזאַ עלנטקייט...

אַזאַ עלנטקייט איז היינט אין ברייטן פעלד,
אַזאַ פוסטקייט היינט אויף וועגן אומעטום.
ווו אַ בוים — אַ בלעטער־קבר אונטער אים,
ווו אַ בייט, אַ גערטל — טויט הענגט יעדע בלום.

אַזאַ שווייגעניש פון הימל און פון ערד,
גלייך וויביידע וואָלטן זיך געגרייט צום שלאָף;
גלייך ווי טראַכטן וואָלטן זיי אַצינד געטראַכט
שוין פון יענער לאַנגער רו — פון רו אין־סוף — — — —

ד.

## האַרבסט־קאָשמאַרן

אַ נאַכט אַ בלינדע פון קאָשמאַרן.
עס האָט אין גרויל פאַרוויגט דער וואַלד.
מיר האָט געטרוימט: איך ליג אין קבר...
עס פויזשען ווערים פויל און קאַלט...

בליצט דורך אין שאַרבן: ס'איז געווען, דוכט,
אַ הימל ערגעץ און אַ זון...
נאָר ווו און ווען?... דער פּוסטער שאַרבן
פאַרגעסן האָט שוין לאַנג דערפון — — —

ה.

## אַזוי פיל געלע בלעטער...

אַזוי פיל געלע בלעטער היינט אויף יעדן טריט,
ווי פרישע, יונגע קברימלעך צעזייט-צעשפּרייט...
ס'זאָגט קדיש שטיל דער ווינט נאָך אַלץ, וואָס אָפּגעבליט;
נאָך אַלץ, וואָס יונג און שיין געווען און פאַרגייט...

אַזוי פיל קראָען היינט זיך ציען אין דער הויך,
ווי כמאַרעס פינסטערע אַריבער וועג און שטעג.
דאָס קומט איצט אין דער לופטן די לוויה פאַר
פון אַלע שענסטע, העלסטע זומערדיקע טעג — — —

ו.

## פאַרלאָרנט שוין די הייזלעך...

פאַרלאָדנט שוין די הייזלעך בונטע אינעם וואַלד געדיכטן,
די העלע טעג פון זון, זיי זענען שוין צו-ענד.
דער גרויער מענטש פון שטאָט איז ווידער שוין אין יאָך אין שווערן,
עס האָט אַביסל פרייד געטון אים בלויז אַ בלענד...

אויף קלומבעס ליגן שוין פאַרוויאַנעטע די לעצטע אַסטרעס,
ווי שטומע סימבאָלן פון אַלץ, וואָס שטאַרבט אַוועק...
שאַ-שטיל. עס בלאָנקען אום די שומרים-הינט אַזעלכע שוויינער,
גלייך ווי אין טיפן טרויער נאָך די זומער-טעג — — —

שווידער, אקט. 1935

# האַרבסט

אַזוי אומעטיק שטאַרבט היינט דער שמייכלענדער טאָג,
ווי אַ גוססדיק קינד זיינע אויגן פאַרמאַכט.
ס׳איז די שקיעה — אַ פלאַמיקע ברכה דער ערד,
אויף די גאָלדענע בוימער פאַלט ראש אָן די נאַכט.

אַזוי שטיל גייט אַוועק היינט דער צערטלעכער טאָג,
מיט די דופטן די לעצטע פון לאָנקע און פעלד.
שטערן קאַלטע זיך צינדן אין הימל באַלד אָן,
גלייך ווי אבל־ליכט בלייכע צוקאָפּנס פון וועלט...

1937

# האַרבסט־דעראינערונג

...מיין אָרימע היים איז אומהיימלעך און קאַלט.
די שייבלעך פאַרטרערט. ס'פאַלט אַ רעגן און ׳פאַלט.

פון סטעליע עס קאַפּעט כסדר טריפּ־טראָפּ.
עס שטייט אויף פאַדלאָגע אַ שיסל, אַ טאָפּ.

עס אָטעמען ווענט שוין מיט שימל, מיט גרויל.
ס'קומט ווינטער. בני־בית נאָך באָרוועס און ׳הויל.

עס זיפצט שטיל די מאַמע: „נו, וואָס הויבט מען אָן?"...
עס ענטפערט דער טאַטע אין זעלביקן טאָן...

מ'דאַרף גרייטן אויף ווינטער אַ בגד, אַ „לאַך"...*)
קאַרטאָפל און ברויט... און נאָך שינדלען צום דאַך...

און טאָרף דאַרף מען גרייטן אַ ׳פורל, צי צוויי.
ווען פרעסט וועלן קומען — איז אָך און איז ווײ...

נו, פרעגט זיך: „פון וואַנען?"... ס'רעדט טאַטע קיין וואָרט.
אַ זומער אַ שוואַכער און גאַרנישט געשפּאָרט.

עס זיצן בני־בית פאַרזונקען און שטאַר,
געבראָכן פון דאגות, דערשלאָגן פון צער...

און ס'קאַפּעט פון סטעליע כסדר טריפּ־טראָפּ.
שוין פול באַלד דאָס שיסל, שוין פול באַלד דער טאָפּ.

עס קרעכצט הינטער איינציקן פענסטער דער בוים.
ער בויגט זיך פון ווינט און ער האַלט זיך קוים־קוים.

אויך ער — אָט דער שכן — שטייט עלנט און וויסט:
פון אלינקע בלעטער — אַ בערגעלע מיסט — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין אָרימע היים — זי איז לאַנג שוין נישטאָ.
איך זע זי אין האַרבסטיק־פאַרנאַכטיקער שעה.

דער טאַטע שוין טויט, און די מאַמע איז גרוי... —
איך האָב זיך אין דעמער פאַרטראַכט נאָר אַזוי — — — —

1936

*) אַ טראַנטע.

# ווינטער־פּערזון

## א.

### אַזוי פיל זון...

אַזוי פיל זון, אַזוי פיל פרייד
אין ווייסן וועג!
אַ קום פון שטאָט, קיין וואָרט נישט רייד,
אַ קום, נישט פרעג!

עס עפנט זיך אַ חלום־וועלט —
אַ העלע פרייד.
אַ ווייס־געלאַקטער וואלד אין פעלד
ציט שטומערהייט...

מיט גליק באַלאָדן קוקט אוים היינט
די חורבה אויך:
אַ זילבער־קרוין פון דעכל שיינט,
לאַכט אין דער הויך.

עס איז אַ הייליק־שטילע פרייד,
ווי אַ געבעט.
און ביסטו מיד — דיין ווי פאַרגייט
פון ווייסקייט גלעט...

און ביסטו קראַנק און אָפּגעגאַרט
פון פאַלשע טעג —
טאָ קום, עס טרייסט די ווייסקייט צאַרט,
דער ווייטער וועג — —

ב.

## ווייסע שטערן

עס׳שיט און שיט דער הימל היינט מיט ווייסע־ווייסע שטערן
פון פולער האַנט!
אויף דאַך און גאַס, אויף סקווער, בולוואַר, אויף בוים און אויף לאַמטערן
ר׳שיט נאָכאַנאַנד.

אַ ווייסע שטאָט! אויך געסלעך אָרימע אין שוואַנען־קליידער —
די נ ו י ט בלאַנקט אויך...
עס שיט מיט פרייד דער הימל... ווייסע שטערן־נעץ כסדר
פאַלט פון דער הויך — —

יאַנואַר, 1934

# עלעגיע

און וועסטו זיך אומקוקן ווען אויף די יאָרן די פריע, פאַרלאָפּענע,
און וועסטו אַ בלעטער טאָן ווען אין אַ פרילינג דאָס בוך אויף
צוריק, —
דאַן וועסטו דערזען וויפל זוניקע טעג גאָר אַזוי זיך פאַרשלאָפּענע,
אין בוך גאַנצע בלעטער אין בלויזן! אין ווילדקרויט די שטעגן
פון גליק...

און בייטן זיך ציען און ציען פאַרגעסן, נאָך גאָרנישט צעאַקערטע,
און בלומען אין גאָרטן פאַרוויאַנעטע: ס'האָט זיי די האַנט נישט
געפליקט;
און אויפגאַנגס אין מזרח צעפלאָסענע, שקיעהס אין מערב
צעפלאַקערטע —
פאַרבלייכט און פאַרגאַנגען און ס'האָט גאָר דאָס אויג זייער פלאַם
נישט געבליקט...

דאַן לויפן וועסטו אין די גאַסן, בולוואַרן, פון בענקשאַפט
געטריבענער,
ס'וועט צופאַלן ס'האַרץ דיינס צו צאַרטע, צו דראָבנע יונגפרויאישע
טריט...

נאָר זיין ווּעסטו דאַן ווי אַן עלנטער דאָרן אין האַרבסט אַ
גאבליבענער,
וואָס האָט על פּי נס אויף אַ טאָג זיך אין קעלט און אין רעגן
צעבליט...

די מיידלעך, זיי וועלן פאַרבייגיין מיט רייץ פון די קערפּערס
די זינגענדע,
מיט דופט און מיט שכרות פון פרילינגדיק־גליענדן צוואַנציקסטן
יאָר...
און טרויריקער ווערן וועט דיר פון די שטימען די יונגע און
קלינגענדע,
און שפּירן וועסטו אויף דיין קאָפּ דאַן דעם זילבערנעם פראָסט
אין די האָר — — —

1928

# מסתמא וועט אַמאָל...

מסתמא וועט אַמאָל אַ מענטש אַן איינזאַמער
פאַרטראַכטן טיף זיך איבער מיינס אַ שיר;
ער וועט אַרויסרופן אין דמיון מיין געשפּענסט דאָן
פון הינטער שאַטנדיקער קבר־טיר.

כ׳וועל אויפוואַכן און קומען שטומערהייט אין חדר
און וועל זיך שטעלן האַרט אים ביי דער זייט;
כ׳וועל לייענען מיט אים צוזאַמען שורות, שורות
פון שטורעמס, ברויזונגען און לעבנס־צייט...

וועט זיין מיין האַרץ דורך ווערים שוין ביז גרונט צעפרעסן —
מיט א י ם צוזאַמען פיל איך וואָס ג ע ו ו ע ן!
כ׳וועל פרייען זיך דורך זיינע יונגע הייסע בלוטן,
אין זיינע אויגן מיינע פונקען זען...

מיר וועט זיך דאַכטן, אַז אין מיינע טויטע ביינער
נעמט ווידער אָטעמען אַ לעבנס־הויך;
און אַז נישט אַלץ איז שוין אַוועק אויף אייביק, אייביק,
און אַז נישט אַלץ געווען איז ווינט און רויך — — — —

1928

# אַ לוויה

כ׳האָב היינט געזען אין שטאָט, ווי ס׳וויגט זיך אַ לוויה:
אַ קאַראַוואַן אַן עלנטער אין גרויער גאַס;
אויף קאַטאַפאַלק, ווי אויף אַ שוואַרצער פּיראַמידע —
אַ קליינטשיק קינדער־טרומנעלע באַזילבערט־בלאַס.

עס גייען נאָך בלויז שווייגנדיקע צוויי מלווים —
געאָרעמט, טריט ביי טריט, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.
ס׳איז ע ר — אַ קריכיקער, נישט־אויסגעוויינטער טרויער,
ס׳איז ז י — אַ קברדיק געשפּענסט אין שוואַרצער קרעפּ...

ס׳איז קלאָר: דאָס טוען איצט באַגלייטן צוויי פאַרליבטע
די פרוכט פון הייסער ליבע צו דער קאַלטער ערד...
דעם בלוי פון צאַרטע נעכט, דעם גלי פון שטומע שטערן —
דאָס פירן איצט די אומעטיקע, שוואַרצע פערד.

זיי ציען אַזוי לאַנגזאַם דורך די לאַנגע גאַסן,
די גלייכגילט שענקט אַפילו נישט צומאָל קיין בליק.
און ס׳שפּרייזט אַזוי דער ע ל נ ט נאָך — די שאָטנס צוויי
געפּרעסטע...
אַזוי פאַרגייט אין שטאָט אַ נישט־צעוויקלט גליק — — — —

1938

# אַ פּרעלודיע

פאַראַן נאָך רגעס הייליקע און שטילע,
ווען ס׳איז נשמה פול מיט פרום געזאַנג;
עס פליסן ווערטער, פלעכטן זיך אין תפילה,
צו שקיעה־הימלען טראָגט זיך קלאַנג נאָך קלאַנג.

פאַראַן נאָך רגעס, ווען פון אַלץ ווערט חלום,
ווען ערד און הימל זענעןביידע גלייך. —
דאַן מאַכט אַפילו ט ו י ט מיט ל ע ב ן שלום: —
דאָס איז דער מוזעס בלויע קיניגרייך — — —

1937

# נאָמבערגס לוויה

גייט אַ לוויה דורך גאַסן פון שטאָט,
ציט זיך פּאַמעלעך, און הייליק, און שטיל.
קרענץ... כריזאַנטעמעס תכריכימדיק-ווייס...
גייט אַ לוויה צום לעצטן אַזיל...

ציט אַ לוויה דורך גאַסן פון שטאָט.
קאַלט איז דער הימל, פאַרשנייט איז די ערד.
וואַרט שוין זיין קבר — נירוואַנאַ און רו...
אייביקייטס-וועלטן, זיי ווערן צעשטערט...

טראָגן דעם טרויער נאָך הערצער אַ ים —
ווי נאָכן ארון אַ ל ע צ ט ן באַלוין.
גייט אַ לוויה דורך גאַסן פון שטאָט,
טראָגט אים נאָך מאַסע ז יי ן גאָלדענע קרוין — — — —

1927

# מעמענטאָ מאָרי!

**(סאָנעט)**

כ'האָב פיינט די גרויסע שטאָט פון פופציק טויטן יעדן טאָג.
אַז ווו דו גייסט, באַגעגנסטו עגלות דאָרט און דאָ.
מען גוססט גאָר אָן פויזעם דאָ, מען שטאַרבט דאָ יעדע שעה.
כ'האָב פיינט די גרויסע שטאָט פון פופציק טויטן אַלע טאָג.

אָט נעגטערט זיך צו דיר מוזיק: שאָפּענס אַקאָרדן-קלאַג...
אַ קאַראַוואַן: אַ „יחוס"-טויט... געזיכטער שטייף און גראָ.
אַ צווייטע גאַס — לוויה-טריט. מוזיק איז שוין נישטאָ:
„פּלעבייער"-טויט... בלויז עפּעס דאָרט אַ מאַמעס אַ „פּאַרמאַג"...

גאַס-איין, גאַס-אויס. דער צוג פון טויט, ער ציט זיך אומעטום
און לאָזט דיך נישט פאַרגעסן פון דעם מעשהלע דעם סוף,
אַז ערגעץ איז אַ חלף דאָ, וואָס קוילעט אויס די שאָף...

דו קוקסט און ציילסט: איינס, צוויי און דריי... און זעקס... דו זעסט אַרום
אבלים בלויז, מלווים בלויז, געזונקען טיף די קעפּ.
און ווו דו זאָלסט נישט גיין און שטיין — נאָר קרעפּ, נאָר קרעפּ,
נאָר קרעפּ — — — —

ווארשע, 1936

# צום דיכטער-מענטש

און אַז דיין נאָמען זיין וועט צווישן די אומשטערבלעכע —
איז וואָס דערפון?
דאָס זעלבע בערגעלע, די זעלבע קרקע פינצטערע
אָן זין, אָן זון...

די זעלבע ווערים דורשטיקע, די נאַכט אומענדלעכע
פֿאַר אַ ל ע גלייך!
דו דיכטער — מ ע נ ט ש! דו דיכטער — ג ו ף! ס'וועט דיין
גערביין פֿאַרגיין

אין ליעטאַ-טייך...

און אַז דיין נאָמען זיין וועט צווישן די אומשטערבלעכע —
איז וואָס דיין ר ו ם?
עס איז אַ ווילגערוך אַ לעולם ועד-בלאָנדזשענדער,
נאָר אָ ן דער בלום — — — —

1938

# אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל

מיין שכן — בעטל 34 — גוססט שוין אַ גאַנצן טאָג.
ער עפנט פון באַגינען שוין נישט אויף צומאָל קיין אויג.
גלייך ווי אַן אַלטע, טעמפּע זעג זיין אָטעם ציט זיך, זעגט זיך שווער.
ס'קומט צו די פרומע שוועסטער, טוט זיך איבער אים אַ בויג.

מיין שכן — ס'איז זיין קאָפּ אַרומגעהילט אין שניי-ווייסן באַנדאַזש:
אַ לעצט מאָל היינט געגראַבלט מיט פינצעטן אין זיין קאָפּ.
עס זעגט זיין אָטעם. שווערע טראָפּנס אויף זיין מידן פּנים פול.
נישטאָ קיין נאָנטע האַנט, וואָס ווישט דעם קאַלטן שוויים אַראָפּ.

פּאַרנאַכט. שוין נאָכן נאַכט-געבעט פאַר דער מאַדאָננע ביי דער וואַנט
מיין שכנס פּנים ווערט אַלץ געלער, טעמפּער נאָך די זעג.
דערשינען אַ פּאָר קרובים ביי זיין בעט — שוין צו „ירושה"
גרייט...
זיי היטן א י ם. איצט גייען זיי פון דאַנען נישט אַוועק...

געקומען אויך אַ גלח שוין, געמורמלט וואָס ביי טריבע ליכט.
אַ קוש אין שטערן מיט אַ לעצטער ברכה פאַר זיין זעל...
אַוועק שוין אַלע „נייגעריקע". נאַכט און טונקל אין שפּיטאָל.
ביי ז יי ן צוקאָפּנס בלויז צוויי שטומע ליכט זיך פלעמלען געל.

ס׳איז באַנגע מיטננאַכט. ס׳איז שטום און שאָטנדיק. בלויז
וווּ-נישט-וווּ

אַ קראַנקער רײַסט זיך אויף, מיט חשד צו י ע נ ע ם בעט
פֿאַרבליקט...

מײַן שכן 34 האָט צוויי מאָל בלויז אָפּגעזיפֿצט — און שוין...
דעם דריטן — לעצטן — זיפֿץ האָט שוין דער טויט אין ברוסט
דערשטיקט...

באַוועגונג אויף שפּיץ-פֿינגער. פֿרומע שוועסטער צלמט זיך און
קניט.
אַ מענטש אין ווײַסן קומט. אַ טאַפּ: — „יאָ, טויט". — און אײַלט
אַוועק.
די קרובים גראַבלען שוין בײַ דער „ירושה"... פּוסט בלײַבט דאָן
לעם אים...
אָט טרעגערס צוויי... דורך נאַכט און רעגן פֿאָרן ל ע צ ט ן
וו ע ג — — —

וואַרשע, „שוו. דוד" 1935

# די שפּאַניערין

נישט קיין באָלעראָ טאַנצט זי איצט צעווישן שוימענדיקן ווייַן
און לידער,
נישט קאַסטאַניעטן צימבלען לוסטיק צו אין אירע הענט; —
איצט איז זי אויף דער גאַס אַרויס, ווו ס׳קעמפן אירע ברידער,
אַן אַנדער פלאַם אין אירע שוואַרצע אויגן ברענט.

איצט האַלט זי דרייסט אין האַנט אַ ביקס און צילט צום
ברוינעם קריגער;
איצט איז זי, די שוואַרצאויגיקע, די העלדין פון מאַדריד.
און דאַרף מען נאָר — מאַרשירט זי שטאָלץ אין ריי פון
פרייהייטס-זיגער,
און דאַרף מען שטאַרבן — שטאַרבט זי מיט אַ העלדן-ליד.

און דאַרף מען שטאַרבן — צי אויף באַריקאַדן, צי אין גריבער,
און דאַרף מען פייערן צום פיינט מיט פולווער און מיט בליי, —
באַלד גרייט איז זי מיט קערפּער בליאיקן: — עס איז איר ליבער
דער טויט פאַר פרייהייט, איידער ברוינע שקלאַפעריי — —

דעצעמבער, 1936

# דעם טאַטנס טויט

## (צען עלעגיעס)

### א.

### איינמאָל פאַרטאָג

עס האָט אַ צוג ביינאַכט מיך אָפּגעריסן פון אַ כרך,
געבראַכט מיך צו אַ שטאָט שוין אין פאַרטאָג.
טריב-רעגנדיק. בלויז וווּ-נישט-ווו אין גאַס קריכט אום אַ וואָך.
און אָט — יענץ הויז. כ'דערהער פון נאָנט אַ קלאָג.

אַן אָפנע טיר. עס פאַלן מיינע הענט אַראָפּ. כ'בלייב שטיין:
ער ליגט שוין אויף דער ערד — פאַרגליווערט, שטאַר.
צוויי-דריי בטלנים-זקנים זאָגן תהלים... אַ געוויין...
צוויי פרויען שלייכן זיך צו מיר אין צער...

איך טרעט אַריין אין שטוב און כ'פיל: כ'בין אויף דער דעק פון פּיין.
מיך ווערגט אין האַלדז. איך קאָן נישט בלייבן מ אַ ן.
פיל ליכט אויף דר'ערד. פיר שורות ליכט. נאָר שוואַרץ איז
זייער שיין.
איך שפיר: דער ט ו י ט אַליין איז דאָ פאַראַן...

ב.

## אויף אַביסעלע שטרוי...

און דאָס איז, בן־אָדם, דער סוף פון די סופן...
אַביסעלע שטרוי און פאַרדעקט, דאָס געזיכט.
אַ צודעק אַ שוואַרצער — צום אייביקן שלאָפן.
עס נייגן אין טרויער זיך פלעמלעך פון ליכט.

און דאָס איז דער לעצטער, דער אמתער פתרון...
אַ נאָענט געוויין, וואָס ס׳פאַרנעמט נישט ס׳געהער...
עס שאָקלט זיך זקן צו זקן: „מה יתרון?״...
עס קאַפּעט אויף צודעק אַ טרער נאָך אַ טרער...

ג.

## תהלים

...און דאָס איז דער מזמור פון דוד בן ישי...
עס זינגען די זאָגער די פסוקים כסדר.
עס איז אַ געקלאַג נאָך די יאָרן פאַרוועלקטע,
און פול מיט געוויין איז דאָס טונקעלע חדר.

און וואָס איז דער מענטש און צו וועמען געגליכן? —
אַ ווינט, וואָס פאַרווייעט, אַ טרוים, וואָס פאַרפלויגן...
עס גיסט זיך און גיסט זיך דער אַבלשער ניגון
מיט טרויער מיט קאַלטן — ווי בר־מיננס אויגן...

עס זענען שוין מיד און פֿאַרחלשט אבלים,
בלויז תהלים שטיל פֿליסט ווי דער ווײַ פֿונעם האַרצן.
און ס'האַרכט, דוכט, זיך איין אויך דער טויטער, דער שתקן,
פֿון אונטער דעם צודעק דעם אבלדיק־שוואַרצן — — —

און דאָס איז דער מזמור פֿון דוד בן ישי — — —

ד.

## ל ו י ה

עס טרייסלט זיך דער ארון איבער שטיינער,
פּאַמעלעך שפּרייזט דאָס שוואַרצע קהלשע פֿערד.
עס גייען נאָך פֿאַרזונקען די באַוווינער.
די ערד מוז צונעמען, וואָס איר געהערט...

נישטאָ קיין הייזער מער. ס'ליגט דער בית עולם
צעווישן באַרג און טאָל, ביים ניעמאַן־טייך.
ס'ווערט שיטערער אַלץ דער מלווים־עולם.
אַרויף־אַראָפּ. דער פֿאַרקאָן ווייזט זיך גלייך.

ווי טהרה־ברעטער שוואַרץ — עס עפֿנט זיך אַ טויער.
ס'נעמט אויף אַ וועלט אַ שווייגנדיקע שטום.
מצבות, אוהלם אין אַ ווייסן טרויער.
דאָ־דאָרטן וויגט זיך אַ בעריאָזקע פֿרום.

ס'בלייבט ערגעץ שטיין די שיטערע לוויה —
דאָ איז די גרעניץ, פֿון דעם וועג די ענד...
אַ גרוב זיך אָפֿן שוואַרצט און ברעטער נייע —
די לעצטע, שטומע, פֿינסטערע פֿיר ווענט — — —

ה.

## קבורה

אין טלית איינגעהילט ווי אום יום־כפור,
ווי גרייט צו שטעלן זיך פאַר יום־הדין...
צוקאָפּנס ערד אַביסל פון ארץ ישראל...
שוין קרעכצן רידלען ערד אַריין: דזין־דזין...

אל מלא רחמים... — קלינגט דאָס קול פון חזן,
און מיט די רידלען ערד פאַלט־מיט געוויין.
אַ יתום־קדיש ביי דעם געלן בערגל
און עולם נעמט זיך שטומערהייט צוגיין — —

ו.

## צוריק פון בית עולם

צוריק פון בית עולם — עס כליפּעט ווער באַנג.
געלאָזן אַ בערגל אויף דורות, אויף לאַנג...
צי זומער, צי ווינטער, צי רעגן, צי שניי —
דאָס בערגל וועט ליגן אין קברימשער ריי.

צוריק פון בית עולם — די טריט פאַלן שווער.
קערסט אום זיך אין שטיבל — איז עלנטיק־לער...
עס פעלט ז יי ן געשטאַלט דאָ, עס פעלט דאָ ז יי ן וואָרט.
אַ חלל אַ וויסטער, אַ ליידיקער אָרט — —

ז.

## שבעה

די ערשטע רגעס אויף די בענקלעך קליינע.
די ערשטע בליקן אויף די שטומע ווענט...
אַ פּוסטע שטייט דעם נפטרס בעט אין חדר.
אין חלל בלאָנדזשען אום נאָך דאַרע הענט...

עס דוכט: אָט רעדט ע ר, גאַרט נאָך וואָס צו זאָגן.
מען הערט נאָך אין דער לופט ז יי ן שטילן קול...
פאַרשטאַרט איז אַלץ. פאַרזונקען די אבלים.
זיי זעען איצט ז יי ן גסיסה נאָכאַמאָל — — —

ח.

## קדישים

נאָך אַ קדיש, נאָך אַ קדיש,
ס'וועט א י ם גרינגער זיין די ערד... —
אַזוי זאָגן אַלטע ווייבער, —
ס'קומט דער מת אַליין און הערט.

נאָך אַ קדיש, נאָך אַ קדיש —
גרויס זאָל בוראס נאָמען זיין.
ר'איז דאָך עפּעס דין־אמת,
דאַנק, בן אדם, אים פאַר פּיין...

און ס׳דערציילן אַלץ די ווייבער,
וואָס ס׳פּאַרלויפט אויף י ע נ ע ר וועלט:
ווי מען נעמט אַראָפּ די שערבלעך
פון די אויגן, וואָס פאַרשטעלט — —

נאָך אַ קדיש, נאָך אַ קדיש.
אַלע ענטפערן: „אָמן״...
דין־אמת... נאָר אבלים
קאָנען קיינמאָל דאָס פאַרשטיין — — —

ט.

## מ ע ר י ב - צ י י ט

מעריב־צייט אין שטוב פון אבל.
אַ טונקלקייט מיט שאָטנס פול.
זיי קומען אָן, די שאָטנס שוואַרצע,
מיט היימישקייט אין נפטרס גבול...

אבלים זיצן שטום, פאַרזונקען.
דאַ־דאָרטן בלייכט קוים אַ געזיכט.
בלויז שכנטעס דערציילן, פּרעפּלען,
זיי פּרעפּלען ביז מען צינדט אָן ליכט.

ס׳פאַרבאָרגן ערגעץ זיך די שאָטנס
און אבל־בליק גלאַנצט אויף מיט טרער.
עס קלייבן יידן זיך צום מנין
און — „והוא רחום...״ — זיפצט שוין ווער.

עס גיסט דער ניגון זיך פון מעריב
און שליסט דעם טרויער־טאָג פון צער.
ס׳צעגייען זיך די שכנות־ווייבער
מיט ברכות פאַר דעם גאָט דעם האַר — —

י.

## עפּיטאַפּיע

דאָ ליגט אַ ייד אַ הויכער, דאַרער,
וואָס תמיד קלערן פלעגט פון ברויט;
האָט „גראָבע קעפּ" געלערנט „שרייבן",
מיט זיי געגריזשעט זיך ביז טויט...

אַ „שטילער ייד", כמעט אַ שתקן,
געשפּרייזט אין גאַס מיט שטילע טריט —
ווי ר׳וואָלט געקלערט: ווער אים דאָס מזל
נאָך עפּעס געבן, אָדער ניט?...

אַ דירה תמיד פון פיר איילן —
צום „שרייבן", עסן און צום שלאָף...
אַז הערינג פלעגן הייסן „דגים",
בלויז צו „כפרות" זיין פלעגט עוף...

שבתים, יום־טוב — דאַרע־קוואַרע,
אַ דאַרער „טשאַנט" מיט טיי פון „הלאק"...
צו פּרי שוין גרוי, צו פרי געבויגן
פון מיחושן אַ גאַנצן פּאַק...

צום טאָג פון טויט — שוין אויסגעלייטערט
אויף  ד ע ר - וועלט נאָך פון יעדן חטא...
געבליבן איז אַ הויפןביינער
אויף הארטן, שווערן טויטן-בעט — — —

פה-נטמן — ס׳ליגט דאָ אַן איש תמים,
אַ סימן — אביון ביזן סוף...
דאָ איז ער גלייך מיט די אדירים:
ער רוט ווי זיי אין זעלבן שלאָף — — —

גראָדנע, 1927

# צײַט־מאָטיוון*)

(אַננאָ 1938)

## 1. — גולי־אשכנז...

זיי וואָגלען דורך נאַכט,
זיי וואָגלען דורך ווינט,
דורך וואַלד און דורך זומפּ —
סיי זקן, סיי קינד.

פון גאַס און פון היים,
און קראַנקע פון בעט — —
געיאָגט ווי די הינט,
פון דערפער און שטעט.

זיי וואָגלען דורך טאָג,
זיי וואָגלען דורך נאַכט,
דורך רעגן און קעלט,
פאַרצאָגט און פאַרשמאַכט.

געיאָגטע פון וועלף,
געטראָטן פון זויל,
געשטויסן, געשענדט,
אין שרעק און אין גרויל.

*) געווידמעט די עקסטערמינאַציעס און מערדערייען איבער די יידן אין נאַצי־דייטשלאַנד אין 1938.

אַן קלייד און אַן שוך,
צעריסן, צעשיידט,
און קברים דאָ־דאָרט
אויף פעלדער צעזייט...

עס יאָגט דער „באַפעל",
מיט ביקס און מיט שווערד:
— קיין בליק אויף צוריק!
— פאַרשווינד פון דער ערד!!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

זיי וואָגלען דורך נאַכט,
זיי שלוכצן אין צער:
— פאַרוואָס און פאַרווען,
אַ גאָטעניו־האַר?...

— וווהין און צו וואָס?...
ווו גרעניץ? ווער לאַנד?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווי זאַנגען מען פאַלט — — —
ווער שטרעקט אוים אַ האַנט?...

## 2. — אַ ליד וועגן רהיין

איך וואָלט נישט וועלן זען אַצינד דעם וווּנדערפולן רהיין,
איך וויל נישט זיין אויף זיינע שיינע ברעגעס איצט:
ער האָט זיין טיפע בלויקייט שוין פאַרלוירן מן הסתם
פון יודען־בלוט, וואָס פונעם בלאַנקן מעסער שפריצט...

ער מוז אַצינד נישט שמייכלען מער, דער רהיין, צום הימלם בלוי:
ער שעמט זיך מן הסתם, ווייל ער אַליין איז ר ו י ט ...
און אין לבנה-נעכט איצט לאַקט נישט מער די לאַרעליי,
נאָר קדושים קרעכצן, יאָמערן אויף פריען טויט...

איך וואָלט נישט וועלן זיין אויף יענע שיינע ברעגעס איצט,
איך וואָלט נישט וועלן אָנקוקן אַצינד דעם רהיין:
עס איז איין לאַנגער, לאַנגער ברידער-קבר איצט זיין טיף,
איין קאַלטער, נאַסער ברידער-קבר — אָן אַ שטיין — — — —

נאָוועמבער 1938

# דאָס ליד פון פאַרגיין

און וואָס וועט שוין זיין, אַז איר וועט מיך נאָר לויבן,
באַשיטן מיט רויזן מיין בערגל, מיין שטיין? —
אַז אויפגיין אַ זון וועט אַ פלאַמיקע אויבן
און ס'וועלן די שטראַלן צו מיר נישט דערגיין.

און וואָס וועט שוין זיין, אַז מיין ליד וועט איר זינגען,
דערמאָנען מיין נאָמען אין טרויער, צי פרייד? —
אַז אונטן זיך וויקלען די שלאַנגען ווי רינגען
און פראווען אַ מאָלצייט פאַרשיכורטערהייט.

און וואָס וועט שוין זיין, אַז איר וועט מיך געדענקען? —
עס וועט דאָך קיין שפור בלייבן פון מיין געביין;
עס וועלן די רעגנס מיין בערגל פאַרשווענקען
און איינזינקען וועט אויך צוקאָפּנס מיין שטיין — — —

.1929

## ביכער פון אברהם זאַק:

| | |
|---|---|
| אַקאָרדן (לידער) | פאַרלאַג מ. י. פריידֿ, וואַרשע |
| רגעם פון טרוים (טאַנקעס) | „ א. גיטלין, וואַרשע |
| צווישן פיר ווענט (לידער) | „ מ. י. פריידֿ, וואַרשע |
| אונטער די פליגל פון טויט | „ „די צייט", וואַרשע |
| (דריטע אויפלאַגע) | „ בנימין האַרץ, בערלין-ווין |
| (רוסישע איבערזעצונג) | „ „גאַסיזדאַט", מאָסקווע (1930) |
| אין שאָטן (נאָוועלן) | „ א. גיטלין, וואַרשע |
| די חורבה און דער פּאַלאַץ | |
| (קינדער-מעשהלע) | „ „אַלט-יונג", וואַרשע |
| אַ זומער-חלום (נאָוועלן) | „ א. י. שאַפּירא, וואַרשע |
| אונטער היימישע הימלען | |
| (פּיעסע אין 3 אַקטן) | „ ח. בזשאַזאַ, וואַרשע |
| שטאָט-קאָשמאַרן (לידער) | „ ח. בזשאַזאַ, וואַרשע |
| פאָניע גנב (אַ כראָניק) | „ א. גיטלין, וואַרשע |
| די פרוי פון שטאָט (נאָוועלן) | „ קאָאָפּ „ביכער", וואַרשע |
| מיט אַש אויפן קאָפּ (לידער) | „ „דאָס נייע לעבן", לאָדזש |

## איבערזעצונגען:

פּאַר שטוב און עסטראַדע (איבערדיכטונגען)

מצירי (פּאָעמע פון מ. יו. לערמאָנטאָוו)

דער פּאָטער (פון א. סטרינדבערג)

די חתנים (פון נ. וו. גאָגאָל)

דאָס רעכט אויף ליבע (פון מאַקס נאָרדוי)

רודין (פון א. ס. טורגעניעוו)

די ערשטע ליבע „

קלאַראַ מיליטש און אַנד. „

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

## ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן-י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אַלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן-שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער-מאַרטיראָלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן
27) יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פאַט: הענעך
30) ד״ר י. קערמיש: דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש: א טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
33) אברהם נחתומי: אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער: מיין היים
35) יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן ־ נאכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו: פּערזענלעכקייטן
39) רחל ה. קאָרן: היים און היימלאָזיקייט.
40) א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
41) מנשה אונגער: פּשיסכע און קאָצק
42) מ. בורשטין: איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס: הונדערט פּאָלקס־לידער
44) ז. סעגאלאָוויטש: מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) ד״ר חיים שאָשקעס: א וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק: יאָרן אין וואנדער

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

שלום אש: פּעטערבורג; ווארשע; מאָסקווע.
ש. איזבאַן: פאמיליע קארפּ (ראָמאן)
ר. שושנה־קאהאן: אין פייער און פלאמען (טאָג־בוך)
י. י. טרונק: די יידישע פּראָזע אין פוילן
ד״ר א. מוקדוני: מיינע באגעגענישן
יאָנאָס טורקאָוו: אין קאמף פאַרן לעבן
דוד פלינקער: אין שטורעם (ראָמאן)
בעלכאַטאָוו (זאמל־בוך)

## עס גרייט זיך צום דרוק:

פּנחס ביזבערג: שבת-יום-טובדיקע יידן
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאַזאָוויע
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
אברהם לעוו: א ליד נאָך אייך
קאַדיע מאלאדאָווסקי: אמאָל איז געווען...
ד״ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רבקה קוויאטקאָווסקי: פון לאגער אין לאגער

Este libro se terminó de imprimir el día 27 de Mayo de 1949, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Corrientes 1976, Bs. Aires, Rep. Argentina